STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06058

ARBETSBUKH FAR YIDISH IN FOLKSHUL

L. Bayon

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ל. באַיאָן

אַרבעטסבוך פאַר
יידיש אין פאָלקשול

בוך צוויי

פאַרלאַג „יידישע שול אין מעקסיקע“

— 1947 —

L. Bayón

GRAMATICA DE YIDISH

PARA EL USO PRACTICO DE LAS

ESCUELAS PRIMARIAS

LIBRO SEGUNDO

EDITADO POR EL COLEGIO ISRAELITA DE MEXICO

1 9 4 7

Impreso en los Talleres Linotipográficos "SABER", Bajío 319.

א. דער ווערב

— 1 —

דער ווערב אין זאץ.

א. דער שניידער נייט.

ב. דער סטאָליער זעגט.

ג. דער לערער האָט געלייענט.

ד. דער שילער האָט געשריבן.

ה. די זינגערין וועט זינגען.

ו. די תלמידה וועט לערנען.

אַרבעט: 1. שרייב איבער די זאצן און שטרייך אונטער די ווערטער וואָס באַטייטן אַ טוּונג.

2. שרייב איבער די ווייטערדיקע פראַגעס און ענטפער אויף זיי:

א. וואָס טוט דער שניידער? — נייט.

ב. וואָס טוט דער סטאָליער?

ג. וואָס האָט געטאָן דער לערער? — האָט געלייענט.

ד. וואָס האָט געטאָן דער שילער?

ה. וואָס וועט טאָן די זינגערין?

ו. וואָס וועט טאָן די תלמידה?

> די ווערטער וואָס באַצייכענען אַ טוּונג רופן זיך טוּווערטער אָדער ווערבן.

— 2 —

די פיס זיינען צו גרויס.

אַ ייד האָט באַשטעלט ביי אַ שוסטער אַ פּאָר שטיוול. דער שוסטער האָט געמאַכט די שטיוול און אָפּגעבראַכט זיי דעם יידן. דער ייד מעסט אָן די שטיוול — זיי זיינען קליין.

— די שטיוול זיינען צו קליין! — זאָגט דער ייד.

— ניט די שטיוול זיינען צו קליין — זאָגט דער שוסטער — נאָר די פיס זיינען צו גרויס!

אַרבעט: 3. שרייב איבער די דערציילונג און שטרייך אונטער די ווערבן.

4. שרייב אויס באַזונדער די ווערבן פון דער דערציילונג.

— 3 —

אַרבעט: 5. שרייב צו טווערטער (ווערבן) צו די ווייטערדיקע סובסטאַנטיוון.

דער טאַטע	דער תלמיד ....
די מאַמע	די תלמידה ....
דער ברודער	דער חזן ....
די שוועסטער	דער שאָפער ....
דער לערער	דער שניידער ....
די לערערין	דער גאַסנקערער ....

אַרבעט: 6. שרייב אָן טוונגען וואָס זאָלן באַצייכענען קאָנטראַסטן צו די ווייטערדיקע ווערבן.

אַרויפשטעלן, אַריינוואַרפן, אָנקלעפּן, אָנטאָן, אויפקלייבן, געבן, לאַכן, פרעגן, פאַרגרעסערן, פאַרגעסן, קומען, קויפן, נייען.

אַרבעט: 7. שרייב אויס פון דיין בוך צען ווערבן.

די דריי צייטן.

א. דער לערער האָט געפרעגט נעכטן.
ב. דער לערער פרעגט היינט.
ג. דער לערער וועט פרעגן מאָרגן.

א. דער חבר האָט זיך געשפּילט פריער.
ב. דער חבר שפּילט זיך איצט.
ג. דער חבר וועט זיך שפּילן מאָרגן.

א. דער תלמיד האָט געלערנט פאַראַיאָרן.
ב. דער תלמיד לערנט היי-יאָר.
ג. דער תלמיד וועט לערנען איבער א יאָר

אַרבעט: 8. שרייב איבער די זאצן און שטרייך אונטער די ווערטער וואָס באַטייטן אַ צייט.

9. שרייב אויס באַזונדער די ווערבן און דערקלער דעם אונטערשייד פון די זאצן א ביז די זאצן ב און ג.

> ווען מיר ריידן וועגן אַ טוונג קענען מיר באַמערקן די דאָזיקע דריי פאַלן:
> א. די טוונג איז שוין פאָרגעקומען פריער, איידער מיר ריידן.
> ב. די טוונג קומט פאָר איצט בשעת מיר ריידן.
> ג. די טוונג דאַרף ערשט פאָרקומען שפּעטער נאָכן ריידן.
>
> דעריבער אונטערשיידן מיר די דאָזיקע דריי צייטן:
> א. די פאַרגאַנגענע צייט. ב. די איצטיקע צייט. און ג. די קומעדיקע צייט.

ער האָט געלייענט פריער.
ער לייענט איצט.
ער וועט לייענען שפּעטער.

ער האָט געזאָגט פריער.
ער זאָגט איצט.
ער וועט זאָגן שפּעטער.

ער האָט געטאַנצט פריער.
ער טאַנצט איצט.
ער וועט טאַנצן שפּעטער.

ער האָט געענטפערט פריער.
ער ענטפערט איצט.
ער וועט ענטפערן שפּעטער.

אַרבעט: 10. שרייב איבער די זאַצן און שטרייך אונטער די איצטיקע צייט מיט איין פּאַסיקל, די פאַרגאַנגענע צייט מיט צוויי פּאַסיקלעך און די קומעדיקע צייט מיט דריי פּאַסיקלעך.

11. שאַף זאַצן לויטן מוסטער פון פּאַראַגראַף 5 מיט די ווערבן:

קויפן, לאַכן, שטיפן, לערנען, פייפן, טראַכטן, מאַכן.

— 6 —

אונטער דעם קינדס וויגעלע.

אונטער דעם קינדס וויגעלע
שטייט אַ קלאָר-ווייס ציגעלע.
דאָס ציגעלע איז געפאָרן האַנדלען
ראָזינקעס מיט מאַנדלען.
ראָזינקעס מיט מאַנדלען זיינען זייער זיס,
מיין קינד וועט זיין געזונט און פריש.
תורה איז די בעסטע סחורה.
מיין קינד וועט לערנען תורה.
ספרים וועט ער שרייבן,
תורה וועט ער לערנען,
אַ גוטער און פרומער
וועט ער בלייבן.

אַרבעט: 12. שרייב איבער דאָס פאָלקסליד און שטרייך אונטער די איצטיקע צייט מיט איין פּאַסיקל, די פאַרגאַנגענע צייט מיט צוויי פּאַסיקלעך און די קומעדיקע צייט מיט דריי פּאַסיקלעך.

— 7 —

די דריי פּערזאָנען.

מאָטעלע און זיין מאַמע.

מאַמע, דו קאָנסט מיך ניט אַזוי ליב האָבן ווי איך ליב דיך! — זאָגט מאָטעלע צו זיין מאַמען.

— פאַר וואָס מיין קינד? — פרעגט די מאַמע פאַר-וואונדערט.

— ווייל דו האָסט צוויי זין און איך האָב נאָר איין מאַ-מען! — ענטפערט מאָטעלע.

אַ ר ב ע ט : 13. שרייב איבער די דאָזיקע דערציילונג און שטרייך אונטער די ווערבן.

14. באַמערק, ווען מאָטעלע ווענדט זיך צו זיין מאַמען זאָגט ער: ד ו ק אָ נ ס ט, ד ו ה אָ ס ט.
ווען מאָטעלע רעדט וועגן זיך זאָגט ער: א י ך ל י ב, א י ך ה אָ ב.
ווען דער שרייבער דערציילט וועגן עמעצן (וועגן מאָ-טעלען אָדער וועגן זיין מאַמען) זאָגט ער: ד י מ אַ מ ע פ ר ע ג ט, מ אָ ט ע ל ע ז אָ ג ט.

די טווּנג קען דורכגעפירט ווערן:
א. דורך מיר, דורך דעם וואָס רעדט.
ב. דורך דעם צו וועמען איך רייד.
ג. דורך עמעצן, וועגן וועמען מען רעדט.
אויב איך רייד און טו — איז דער ווערב אין דער ע ר ש ט ע ר פ ע ר ז אָ ן.
אויב איך רייד און די אַרבעט ווערט געטאָן דורך דעם צו וועמען איך רייד — איז דער ווערב אין דער צ ו וי-ט ע ר פ ע ר ז אָ ן.
אויב איך רייד און די אַרבעט ווערט געטאָן דורך עמעצן — איז דער ווערב אין דער ד ר י ט ע ר פ ע ר ז אָ ן.

א י ך — באַווייזט די ערשטע פערזאָן.

ד ו — באַווייזט די צווייטע פערזאָן.

ע ר, ז י, ע ס, — באַווייזן די דריטע פערזאָן.

— 8 —

ר ע ט ע נ י ש

איך בין באַוווסט, געשמאַק בין איך,
איך בין פון טייג געמאַכט אין קיך;
איך בין נישט רונד, דרייעקיק נאָר,
אַ גרויס פאַרשווין אַ טאָג אין יאָר.
מיך עסן גערן יונג און אַלט...
ווי איז מיין נאָמען? טרעפט זשע באַלד!
ווער ס'טוט אַ לעק און טוט אַ נאַש
דער ווייס, אַז איך היים . . . .
(מאַני-לייב)

א ר ב ע ט : 15. שרייב איבער דעם רעטעניש און שטרייך אונטער די ווערבן אין דער ערשטער פערזאָן.

16. שרייב איבער דעם רעטעניש אין דער צווייטער פערזאָן.

גערענק:

אויף דעם אָרט פון מ י ך דאַרף מען שרייבן ד י ך .
אויף דעם אָרט פון מ יי ן דאַרף מען שרייבן ד יי ן .

— 9 —

ג ו ט ג ע ה אָ ל פ ן

מאַמע, אָדער דו טראָגסט אַריין האָלץ און איך וועל זיין אין שטוב, אָדער איך וועל זיין אין שטוב און דו טראָגסט אַריין האָלץ.

וואָס טוסטו? — גאָרניט.
און ער וואָס טוט? — ער העלפט מיר.

פ אָ ל ק ס ו ו י צ ן .

א ר ב ע ט : 17. שרייב איבער די וויצן און שטרייך אונטער די ערשטע פערזאָן מיט איין פאַסיקל, די צווייטע פערזאָן מיט צוויי פאַסיקלעך און די דריטע פערזאָן מיט דריי פאַסיקלעך.

א י צ ט י ק ע צ יי ט

איך געדענק	איך לויף
דו געדענק-סט	דו לויפ-סט
ער געדענק-ט	ער לויפ-ט
איך שטיי	איך טרינק
דו שטיי-סט	דו טרינק-סט
ער שטיי-ט	ער טרינק-ט
איך גיי	איך שריי
דו גיי-סט	דו שריי-סט
ער גיי-ט	ער שריי-ט

א ר ב ע ט : 18. שרייב איבער די דאָזיקע ווערבן און באַמערק די ענדונגען פון דער צווייטער און דריטער פּערזאָן.

די ערשטע פּערזאָן האָט ניט קיין ענדונג.
די צווייטע פּערזאָן האָט די ענדונג - ס ט .
די דריטע פּערזאָן האָט די ענדונג - ט .

א ר ב ע ט : 19. שרייב אויס די ווייטערדיקע ווערבן אין די דריי פּערזאָנען:

איך פיר	איך זע
דו	דו
ער	ער
איך שטיף	איך קום
דו	דו
ער	ער

איך זאָג
דו
ער

איך קען
דו
ער

איך פרעג
דו
ער

איך ענטפער
דו
ער

איך שפיר
דו
ער

איך זעג
דו
ער

איך שרעק —
דו
ער

איך שמיר
דו
ער

איך נעם
דו
ער

איך טו
דו
ער

איך כאַפ
דו
ער

איך שרייב
דו
ער

דער שטאַם פון ווערב ענדיקט זיך אויף ד.

אַרבעט: 20. שרייב אוים די ווייטערדיקע ווערבן אין אַלע דריי פּערזאָנען.

איך שנייד	איך לייד
דו שנייד-סט	דו
ער שנייד-ט	ער
איך בינד	איך מעלד
דו	דו
ער	ער
איך שמיד	איך באַקלייד
דו	דו
ער	ער
איך רייד (רעד)	איך באַשייד
דו רעד-סט	דו
ער רעד-ט	ער

איך פאַרמייד
דו
ער

אויב דער שטאַם פון ווערב ענדיקט זיך אויף אַ ד, שרייבט מען אין דער צווייטער פּערזאָן ד ס ט, כאָטש הערן הערט מען צ ט.
אין דער דריטער פּערזאָן שרייבט מען דט, כאָטש הערן הערט מען בלויז ט.

דער שטאַם פון ווערב ענדיקט זיך אויף ט.

אַרבעט: 21. שרייב אויס די וויטערדיקע ווערבן אין די דריי פּערזאָנען.

איך שיט	איך בראָט
דו שיט-סט	דו
ער שיט	ער
איך היט	איך גרייט
דו	דו
ער	ער
איך בעט	איך טרעט
דו	דו
ער	ער
איך טראַכט	איך קנעט
דו	דו
ער	ער

אויב דער שטאַם פון ווערב ענדיקט זיך מיט אַ ט, שרייבט מען אין דער צווייטער פּערזאָן ט ס ט, כאָטש הערן הערט זיך צט.
די דריטע פּערזאָן בלייבט ווי די ערשטע.

דער שטאַם פון ווערב ענדיקט זיך אויף ש, טש, ז, און צ.

אַ ר ב ע ט : 22. שרייב איבער די ווייטערדיקע ווערבן אין די דריי פערזאָנען.

איך וויש
דו וויש-סט
ער וויש-ט

איך מיש
דו
ער

איך וואַש
דו
ער

איך נאַש
דו
ער

איך ווינטש
דו ווינטש-סט
ער ווינטש-ט

איך בענטש
דו
ער

איך פּאַטש
דו
ער

איך גליטש זיך
ער
דו

איך בלאָז
דו בלאָז-סט
ער בלאָז-ט

איך ווייז
דו
ער

איך לאָז
דו
ער

איך מוז
דו
ער

איך זיץ
דו זיצ-סט
ער זיצ-ט

איך שפּריץ
דו
ער

איך פאַרשניץ
דו
ער

איך קריץ
דו
ער

אויב דער שטאַם פון ווערב ענדיקט זיך מיט אַ ש, ט ש, ז, אָדער צ, שרייבט מען שטענדיק אין דער צווייטער פערזאָן מיט דער ענדונג ס ט.

— 15 —

דער שטאַם פון ווערב ענדיקט זיך אויף אַ ס.

אַרבעט: 23. שרייב איבער די ווייטערדיקע ווערבן אין די דריי פּערזאָנען.

איך ווייס
דו ווייס-ט
ער ווייס-ט

איך בייס
דו
ער

איך רייס
דו
ער

איך גריס
דו
ער

איך שיס
דו
ער

איך שמייס
דו
ער

אויב דער שטאַם פון ווערב ענדיקט זיך מיט אַ ס קומט אין דער צווייטער פּערזאָן בלויז די ענדונג ט. די צווייטע פּערזאָן איז ווי די דריטע.

— 16 —

דער שטאַם פון ווערב ענדיקט זיך אויף סט.

אַרבעט: 24. שרייב איבער די ווייטערדיקע ווערבן אין די דריי פּערזאָנען.

איך מעסט
דו מעסט
ער מעסט

איך טרייסט
דו
ער

איך פּאַסט
דו
ער

איך הוסט
דו
ער

אויב דער שטאַם פון ווערב ענדיקט זיך מיט אַ סט קומט אין דער צווייטער און דריטער פּערזאָן קיין שום ענדונג נישט. אַלע דריי פּערזאָנען זיינען גלייך.

-17-

די דריטע פערזאָן, איינצאָל, האָט ניט קיין ענדונג.

אַרבעט: 25. שרייב איבער די ווייטערדיקע ווערבן אין די דריי פערזאָנען.

איך באַדאַרף
דו באַדאַרפסט
ער באַדאַרף

איך טאָר
דו טאָרסט
ער טאָר

איך דאַרף
דו
ער

איך מעג
דו
ער

איך וויל
דו
ער

איך מוז
דו
ער

איך זאָל
דו
ער

איך קען
דו
ער

איך טויג
דו
ער

איך ווייס
דו
ער ווייס (ווייסט)

איך געהער
דו געהערסט
ער געהער (געהערט)

די דאָזיקע ווערבן האָבן אין דער דריטער פערזאָן קיין ענדונג נישט. זיי זיינען ווי אין דער ערשטער.

די ווערבן ווייס און געהער האָבן ביידע פאָרמען.

די צונויפגיסונג פון סט מיט דו.
מזלדיקער האָז

מזלדיקער האָז,
מזלדיקער האָז,
פֿאַלסטו ניט אויפֿן שׂכל,
פֿאַלסטו אויף דער נאָז.

שרייבסטו אָפּ אַ בלעטל,
גיסטו אוים דעם טינט,
גייסטו אין גאַס זיך שפּילן,
בייסן דיך די הינט.

טוסטו אוים זיך באָרוועס,
טרעטסטו אָן אויף גלאָז,
גייסטו רייסן עפּל,
פּאַטשט דער באַלעבאָס.

טראָגסטו אַ נײַ רעקל,
האָט דער פּלויט אַ טשוואָק.
גייסטו זען די ציגן,
בוקעט דיך דער באָק.

שפּילסטו אין מלחמה,
טרעפט עס דיך אַליין;
כאַפּסטו אין די זייטן
באַלד דעם ערשטן שטיין.

גייסטו זיך זומער באָדן,
טרינקסטו זיך אין טייך.
גייסטו זיך ווינטער גליטשן,
טוסטו פאַלן גלייך.

מזלדיקער האָז,
מזלדיקער האָז,
פאַלסטו ניט אויפן שׂכל,
פאַלסטו אויף דער נאָז.

אַ ר ב ע ט : 26. שרייב איבער דאָס ליד און שטרייך אונטער די ווערבן, וואָס זיינען אין דער צווייטער פּערזאָן.

27. שרייב איבער באַזונדער די ווערבן וואָס זיינען אין דער צווייטער פּערזאָן און באַמערק מיט וואָס זיי זיי־נען אַנדערש פון די ווערבן אין דער צווייטער פּערזאָן וואָס מיר האָבן געלערנט ביז איצט.

אַ ר ב ע ט : 28. מאַך איבער די ווייטערדיקע ווערבן פון דער צוויי־טער פּערזאָן לויט דעם מוסטער:

דו פאַלסט — פאַלסטו.
דו טוסט —
דו טרעטסט —
דו גייסט —
דו שרייבסט —
דו גיסט —
דו צינדסט —
דו רופסט —

דו טראָגסט — טראָגסטו.
דו שפּילסט —
דו כאַפּסט —
דו טרינקסט —
דו לייענסט —
דו פאָרסט —
דו זוכסט —
דו קומסט —

ווען דאָס וואָרט ד ו קומט נאָכן ווערב, גיסט עס זיך צונויף מיטן ווערב און ווערט איין וואָרט, אָנשטאָט ד ו שרייבט מען ט ו. ווי פ אַ ל ס ט ו, ט ו ס־ט ו אא״וו.

— 20 —

אַרבעט: 29. שרייב איבער די ווייטערדיקע דערציילונג און פּאַס אריין ריכטיק די ווערבן אין דער איצטיקער צייט אין די דריי פּערזאָנען.

אַ קלוגער ענטפער

אַ ייד (גיין) אין וועג. (זען) ער: אַ קינד (טראָגן) אַ פאַר-דעקטן קרוג.

(פרעגן) דער ייד ביים קינד:

— וואָס (טראָגן) דו דאָס אין דעם פאַרדעקטן קרוג?

(ענטפערן) אים דאָס קינד:

— וואָלט די מאַמע וועלן, מע זאָל וויסן וואָס איך (טראָגן) וואָלט זי מיר ניט הייסן פאַרדעקן.

(פון די יידישע לעגענדעס)

— 21 —

אַרבעט: 30. עס פעלן דאָ די ענדונגען פון ווערב אין דער צווייטער און דריטער פּערזאָן. שטעל אריין די געהעריקע ענדונגען.

פון „זיבן גוטע יאָר"

ווי ער איז אַזוי מתפּלל, דערפיל(—) ער אַז עמיץ גיט אים אַ צי פאַר דער פּאָלע. קוק(—) ער זיך אום, זע(—) ער פאַר זיך אַ דייטשל אָנגעטאָן ווי אַ שיסער אין וואַלד, מיט אַ פעדער אויפן קאַפּעלושל און דאָס דייטשל זאָג(—) צו אים אויף ריין דייטש, וואָס מיר זעצן איבער אויף עברי טייטש מיט די ווערטער:

הער טוביה, דיר איז באַשערט געוואָרן זיבן גוטע יאָרן, זיבן יאָר פון מזל און הצלחה און אוצ־זות געלט. ווענד(—) זיך עס אָבער אין דיר, ווען דו וויל(—) האָבן די גוטע יאָר. וויל(—), וועט דיר אויפשיינען דיין מזל נאָך היינטיקן טאָג און איידער עס ווע(—) אונטערגיין די זון, וואָס שטיי(—) דיר איבערן קאָפּ, וועס(—) קאָנען אָפּקויפן גאַנץ טורבין מיט דער סביבה, אָבער נאָך זיבן יאָר וועס(—) צוריק ווערן אַן אָרעמאַן, ווי דו בי(—) געווען און וויל(—), — וועט די גוטע געבענטשטע צייט קומען ערשט צום סוף פון דיינע יאָרן און דו ווע(—) אַוועקגיין פון דער וועלט דער גרעסטער גביר. (י. ל. פּרץ)

— 22 —

מערצאָל פון די פּערזאָנען און ווערבן

א. וואָס מיר זיינגען זיינען מיר,
אָבער קינדער זיינען מיר,
וואָס מיר טוען, טוען מיר,
אָבער לערנען, לערנען מיר. (פאָלקסליד)

ב. ווו גייט איר יונגע קינדער?
וואָס זינגט איר אַזוי שטאַרק?
איר זייט דאָך שוין פאַרמאַטערט
צווישן טאָל און באַרג. (א. רייזען)

ג. די קינדערלעך זיצן,
די אייגעלעך בליצן,
זיי קלעפּן און שניצן,
זיי שטריקן און העפטן,
זיי מאָלן און פלעכטן.

אַ ר ב ע ט : 31. שרייב איבער די דאָזיקע לידער און שטרייך אונטער די פּערזאָנען.

32. שרייב איבער די פּערזאָנען מיט די ווערבן און באַמערק אין וועלכער פּערזאָן זיינען די ווערבן אין ליד א, אין וועלכער פּערזאָן זיינען די ווערבן אין ליד ב און אין וועלכער פּערזאָן זיינען די ווערבן אין ליד ג .

33. דורך וועמען ווערט דורכגעפירט די טוונג אין ליד א ? — דורך די ו ו אַ ס ריידן.

34. דורך וועמען ווערט דורכגעפירט די טוונג אין ליד ב ? — דורך די צ ו ו ע מ ע ן מען רעדט.

35. דורך וועמען ווערט דורכגעפירט די טוונג אין ליד ג ? — דורך די ו ו ע ג ן ו ו ע מ ע ן מען רעדט.

36. וועגן וויפיל פּערזאָנען רעדט זיך אין די דאָזיקע לידער?

> די פּערזאָנען מ י ר, א י ר, ז יי זיינען די מערצאָל פון א י ך, ד ו, ע ר (זי, עס).

— 23 —

אַ ר ב ע ט : 37. שטעל איבער די פּערזאָנען און ווערבן פון מערצאָל אין איינצאָל.

מיר גייען — איך גיי	איר גייט — דו גייסט
מיר זינגען —	איר זינגט —
מיר לערנען —	איר לערנט —
מיר שרייבן —	איר שרייבט —
מיר לויפן —	איר לויפט —
מיר טוען —	איר טוט —
מיר עסן —	איר עסט —
מיר טרינקען —	איר טרינקט —
זיי גייען — ער גייט	זיי לויפן —
זיי זינגען —	זיי טוען —
זיי לערנען —	זיי עסן —
זיי שרייבן —	זיי טרינקען —

> ווערבן האָבן אויך א יי נ צ אָ ל און מ ע ר צ אָ ל .

די ענדונגען פון ווערב אין מערצאָל

אַרבעט: 38. שרייב אויס די ווייטערדיקע ווערבן אין די דריי פערזאָנען מערצאָל.

מיר פיר-ן	מיר קענ-ען
איר פיר-ט	איר קענ-ט
זיי פיר-ן	זיי קענ-ען
מיר שטיפ-ן	מיר גיי-ען
איר	איר
זיי	זיי
מיר כאַפּ-ן	מיר ברענג-ען
איר	איר
זיי	זיי
מיר שרייב-ן	מיר נעמ-ען
איר	איר
זיי	זיי
מיר פרעג-ן	מיר שאָקל-ען
איר	איר
זיי	זיי
מיר ענטפער-ן	מיר פלי-ען
איר	איר
זיי	זיי

די ערשטע און דריטע פערזאָן מערצאָל האָבן די ענדונג -ן, -ען. די צווייטע פערזאָן מערצאָל האָט די ענדונג -ט.

אַ ר ב ע ט: 39. שרייב אוים די ווייטערדיקע ווערבן אין די דריי פּערזאָנען פון מערצאָל.

איך קום: מיר קומ-ען, איר קומ-ט, זיי קומ-ען.
איך נעם
איך טרוים
איך שטאַם
איך ראַם

איך וווין: מיר וווינ-ען, איר וווינ-ט, זיי וווינ-ען.
איך פאַרדין
איך שפּין
איך מיין
איך קען

איך צערטל: מיר צערטל-ען, איר צערטל-ט, זיי צערטל-ען.
איך שטרויכל
איך שאָקל
איך וואַקל זיך
איך שמייכל

איך זינג: מיר זינג-ען, איר זינג-ט, זיי זינג-ען.
איך שפּרינג
איך ברענג
איך קלינג
איך הענג

איך דאַנק: מיר דאַנק-ען, איר דאַנק-ט, זיי דאַנק-ען.
איך טרינק
איך שענק
איך זינק
איך גיי   מיר גיי-ען   איר גיי-ט   זיי גיי-ען
איך שריי
איך זע
איך בוי
איך צי

> ווערבן, וואָס ענדיקן זיך אין דער ערשטער פּערזאָן איינצאָל אויף ם, ן, נג, נק, אויף דעם קלאַנג ל מיט א קאָנסאָנאַנט פאַר אים אָדער אויף אַ וו אָ־ ק אַ ל, האָבן אין דער ערשטער און דריטער פּערזאָן מערצאָל די ענדונג — ע ן .

— 26 —

א ר ב ע ט: 40. בייג די ווייטערדיקע ווערבן אין די דריי פּערזאָנען איינצאָל און מערצאָל.

איך לעב, איך גיי, איך זיץ, איך טרעף, איך זע, איך קלאַפּ, איך זאָג, איך לויף, איך עפן, איך פאַל, איך ברענג, איך נעם, איך כאַפּ, איך זוך, איך שטיי, איך הענג, איך לאָז, איך גיב.

— 27 —

די ווערבן זיין, האָבן, געבן, וועלן.

א ר ב ע ט: 41. שרייב איבער די בייגונגען פון די ווייטערדיקע ווערבן און באַמערק די אומרעגלמאַסיקייט.

איך בין	איך האָב	איך גיב	איך וועל
דו ביסט	דו האָסט	דו גיסט	דו וועסט
ער איז	ער האָט	ער גיט	ער וועט
מיר זיינען	מיר האָבן	מיר גיבן	מיר וועלן
איר זייט	איר האָט	איר גיט	איר וועט
זיי זיינען	זיי האָבן	זיי גיבן	זיי וועלן.

— 29 —

איך האָב געטראַכט	מיר האָבן געטראַכט
דו האָסט געטראַכט	איר האָט געטראַכט
ער האָט געטראַכט	זיי האָבן געטראַכט

אַרבעט: 45. לויט דעם זעלביקן מוסטער בייג:

איך האָב געמאַכט. איך האָב געקויפט. איך האָב געוואַרט. איך האָב גוזאָגט. איך האָב געענטפערט. איך האָב גע-קלאַפט. איך האָב געיאָגט. איך האָב גענייט.

— 30 —

פּאַרטיציפּן מיט דער ענדונג -ט.

אַרבעט: 46. די ווייטערדיקע ווערבן שטייען אין דער ערשטער פּערזאָן איינצאָל פון דער איצטיקער צייט. שאַף פון זיי די פּאַרטיציפּן לויטן מוסטער:

איך מאַך — געמאַכט	איך קויף — געקויפט
איך ברען — געברענט	איך הוסט —
איך וואַרט —	איך קלאַפּ —
איך דריי —	איך יאָג —
איך נאַר —	איך לעב —
איך ניי —	איך היט —
איך זיג —	איך שמיד —

אַרבעט: 47. וואָסערע פּרעפיקסן און ענדונגען האָט באַקומען דער שטאַם פון ווערב?

> די פאָרם „געמאַכט" רופט זיך דער פּאַרטיציפּ פון דעם ווערב מאַכן. די פאָרם „געברענט" רופט זיך דער פּאַרטיציפּ פון ווערב ברענען.
> דאָס רוב פּאַרטיציפּן שאַפן זיך דורך דעם, וואָס מען גיט צו צום שטאַם פון ווערב דעם פּרעפיקס „גע" און די ענדונג -ט.

פאַרגאַנגענע צייט

— 28 —

בייגונג פון ווערבן אין דער פאַר-גאַנגענער צייט.

א. איך האָב גערעדט
דו האָסט גערעדט
ער (זי, עס) האָט גערעדט
מיר האָבן גערעדט
איר האָט גערעדט
זיי האָבן גערעדט.

ב. איך בין געפאָרן
דו ביסט געפאָרן
ער (זי, עס) איז געפאָרן
מיר זיינען געפאָרן
איר זייט געפאָרן
זיי זיינען געפאָרן.

אַרבעט: 42. שרייב איבער די דאָזיקע בייגונגען און שטרייך אונטער די פערזאָנען מיט איין פּאַסיקל און דעם ווערב מיט צוויי פּאַסיקלעך.

43. פון וויפיל טיילן ווערט געפורעמט דער ווערב אין דער פאַרגאַנגענער צייט?

44. וואָסערע הילפסווערבן ווערן באַנוצט כדי צו שאפן דעם ווערב אין דער פאַרגאַנגענער צייט?

> אין דער פאַרגאַנגענער צייט ווערט דער ווערב געפורעמט פון צוויי טיילן: פון די הילפסווערבן האָבן אָדער זיין און דעם פּאַרטיציפּ פון ווערב.

— 31 —

א ר ב ע ט: 48. פאַרבייט דעם שטאַם פון ווערב אויף אַ פּאַרטיציפּ ווען זיך באַקומען אַ שפּריכוואָרט.

א. אויפן גנב האָט (ברען) דאָס היטל.
ב. דער חכם האָט (בוי), דער נאַר האָט צע-שטערט.
ג. דאָס וואָס מען האָט (רעד) ביי טאָג האָט זיך (חלום) ביינאַכט.
ד. די הענט וואָס טוען אַליין, זאָלן זיין (בענטש).
ה. לאַנג (וואַרט), גוט (מאַכט).
ו. ניט צופיל (טראַכט) אַבי גוט (מאַכט).

— 32 —

א ר ב ע ט: 49. פאַרבייט דעם שטאַם פון ווערב אויף אַ פּאַרטיציפּ.

אַ ן א י י ז ל אַ ב ע ל - ג אַ ו ה.

איינער האָט (פיר) אויף אַן אייזל אַ סטאַטוע פון אַ גאָט. אין וועג האָבן זיך די פאַרבייגייער (בוק) צום היי-ליקן געשטאַלט.

— געווים בוקן זיי זיך דאָס צו מיר! — האָט (טראַכט) דער אייזל. ער האָט זיך (גרייס) און האָט ניט געוואָלט זיך רירן ווייטער פון אָרט.

דער אָנטרייבער האָט פאַרשטאַנען די געשיכטע.

ער האָט מכבד געווען דעם אייזל מיטן שטעקן און צו אים (זאָג):

— אָ, דו נאַרישער קאָפּ! — מער פעלט ניט, מע זאָל זיך נאָך צו דיר בוקן.

— 33 —

אַרבעט: 50. די ווייטערדיקע ווערבן זיינען אין דער ערשטער פּערזאָן איינצאָל פון דער איצטיקער צייט בייג זיי אין אַלע פּערזאָנען איינצאָל און מערצאָל פון דער פאַר־גאַנגענער צייט.

איך לעב. איך פיר. איך האַנדל. איך דאַרף. איך דאַנק. איך בוק זיך. איך פאַסט. איך גריס.

— 34 —

אַרבעט: 51. בייג די ווייטערדיקע ווערבן אין אַלע פּערזאָנען איינ־צאָל און מערצאָל פון דער פאַרגאַנגענער צייט.

איך ווייס — איך האָב געוווסט....

איך וויל — איך האָב געוואָלט....

איך ברענג — איך האָב געבראַכט....(געברענגט)

איך האָב — איך האָב געהאַט....

די דאָזיקע פּאַרטיציפּן האָבן אויסער דעם פּרעפיקס גע און די ענדונג -ט אויך אַן אינעווייניקסטע ענ־דערונג.

פּאַרטיציפּן מיט די ענדונגען
־ן און ־ען.

אַרבעט: 52. די וויטערדיקע ווערבן שטייען אין דער ערשטער פּערזאָן איינצאָל פון דער איצטיקער צייט, שאַף פון זיי די פּאַרטיציפּן לויטן מוסטער:

א. איך האַלט — (איך האָב געהאַלטן.
איך וואַש —
איך פאַנג —
איך שאַף —
איך באַק —
איך זאַלץ —
איך בייג — (איך האָב געבויגן.
איך זייג — (איך האָב געזויגן.
איך שטוים —

ב. איך באָד זיך (איך האָב זיך געבאָדן.
איך בלאָז —
איך בראָט —
איך גראָב —
איך טראָג —
איך לאָז —
איך בעט —
איך הייס —
איך רוף —

פאַראַן אַ געוויסע צאָל ווערבן, וואָס זייערע פּאַרטיציפּן ענדיקט אויף ־ן און ־ען.

פאַרטיציפּן מיט דער ענדונג ־ן, ־ען און מיט אינעווייניקסטער ענדערונג.

אַרבעט: 53. די ווייטערדיקע ווערבן שטייען אין דער ערשטער פּער־זאָן איינצאָל פון דער איצטיקער צייט, שאַף פון זיי די פּאַרטיציפּן לויטן מוסטער:

א. איך ברעד — געבראָכן.
איך ווערג — געוואָרגן.
איך טרעף —
איך לעש —
איך מעלק —
איך מעסט —
איך פלעכט —

ב. איך גיס — געגאָסן.
איך ניס —
איך קריך —
איך שיט —
איך שליס —
איך שילט —
איך געניס —
איך פאַרליר —

ג. איך בינד — געבונדן.
איך דינג — געדונגען.
איך ווינק —
איך זינג —
איך טרינק —
איך צינד —
איך קלינג —
איך שווים —

א ר ב ע ט : 54. שאַף די פּאַרטיציפּן פון די ווערבן וואָס שטייען אין דער ערשטער פּערזאָן איינצאָל פון דער איצטיקער צייט לויטן מוסטער:

א. איך בייט — געביטן.
איך בייס —
איך בלייב —
איך ווייז —
איך טרייב —
איך ליי —
איך קלייב —
איך רייב —

ב. איך רייט — געריטן.
איך רייס —
איך שווייג —
איך שמייס —
איך שרייב —
איך שטייג —
איך שטרייט —
איך שריי —

ג. איך באַפעל — באַפוילן.
איך וועג —
איך שער —
איך שווער —
איך פאַרליר —
איך בייג —
איך הייב —
איך לייכט —

— 38 —

אַרבעט: 55. די ווייטערדיקע ווערבן שטייען אין דער ערשטער פערזאָן איינצאָל פון דער איצטיקער צייט, שאַף פון זיי די פאַרטיציפּן לויטן מוסטער:

א. איך לייד — געליטן.
איך מייד —
איך שנייד —
איך זיד — געזאָטן.

ב. איך גיי — געגאַנגען.
איך עס —
איך זיץ — געזעסן.
איך ליג — געלעגן.
איך שטיי — געשטאַנען.

— 39 —

אַרבעט: 56. בייג זעקס ווערבן פון פּאַראַגראַף 35 אין אַלע פּערזאָנען איינצאָל און מערצאָל פון דער פאַרגאַנגענער צייט.

57. בייג צו פיר ווערבן פון די פּאַראַגראַפן 36, 37, 38 אין אַלע פּערזאָנען איינצאָל און מערצאָל פון דער פאַרגאַנגענער צייט.

— 40 —

פאַרטיציפּן מיט דער ענדונג -ען

אַרבעט: 58. שרייב איבער די ווייטערדיקע זייל־לעך לויטן מוסטער:

א. איך נעם — גענומען. איך קום — געקומען
איך שפּין — געשפּונען. איך געפין —
איך דינג — איך קלינג —
איך זינג — איך שפּרינג —
איך טרינק — איך שענק —
איך ווינק — איך זינק —

ווען דער שטאַם פון ווערב ענדיקט זיך אויף מ, נ, נג און נק קומט אין פאַרטיציפּ די ענדונג -ען.

די פאַרגאַנגענע צייט מיט — זיין

אַרבעט: 59. בייג די ווייטערדיקע ווערבן אין אַלע פּערזאָנען פון דער פאַרגאַנגענער צייט מיט דעם הילפסווערב זיין.

איך בין געבליבן	איך בין געלעגן ....
איך בין געגאַנגען	איך בין געפלויגן ....
איך בין געראָטן	איך בין געפאָרן ....
איך בין דערשינען	איך בין געפאַלן ....
איך בין געהאָנגען	איך בין געפרוירן ....
איך בין געוואָקסן	איך בין געקראָכן ....
איך בין געוואָרן	איך בין געשווומען ....
איך בין געווען	איך בין געשטיגן ....
איך בין געזונקען	איך בין געשטאַנען ....
איך בין געזעסן	איך בין געשטאָרבן ....
איך בין פאַרשוווּנדן	איך בין געשפרונגען ....
איך בין געלאָפן	איך בין געשלאָפן ....

אין כלל קומען די ווערבן אין דער פאַרגאַנגענער צייט מיט דעם הילפסווערב האָבן. פאַראַן אָבער אַ קליינע צאָל ווערבן — די אויבנאויסגערעכנטע — וואָס קומען מיטן הילפסווערב זיין.

עס זיינען דאָ איינציקע ווערבן וואָס קומען אין דער פאַרגאַנגענער צייט מיט דעם הילפסווערב זיין בלויז אין דער דריטער פּערזאָן.

א. עס איז מיר געלונגען.

ב. עס איז געשען.

ג. דאָס וואַסער איז גערונען.

ד. דער טייך איז געפלאָסן.

— 42 —

פּאַרטיציפּן אָן דעם פּרעפיקס גע-

אַ ר ב ע ט : 60. די ווייטערדיקע ווערבן זיינען אין דער ערשטער פּער- זאָן איינצאָל פון דער איצטיקער צייט. פורעם פון זיי די ערשטע פּערזאָן איינצאָל פון דער פאַרגאַנגענער צייט.

א. איך אַנטשולדיק זיך — איך האָב זיך אַנטשולדיקט.
ב. איך באַפריי —
ג. איך געדענק —
ד. איך דערצייל —
ה. איך פאַרכאַפּ —
ו. איך צעטראָג —

> ווערבן מיט אַ פּרעפיקס האָבן ניט דעם פּרעפיקס **גע** אין פּאַרטיציפּ. די פּרעפיקסן זיינען **אַנט-, באַ-, גע-, דער-, פאַר-, צע-.**

אַ ר ב ע ט : 61. בייג די ווייטערדיקע ווערבן אין דער פאַרגאַנגענער צייט.

אַנטלויפן, באַשיטן, געווינען, דערלאַנגען, פאַרשטיין, צעשיטן.

— 43 —

אַ ר ב ע ט : 62. פאַרבייט דעם ווערב אויף דעם פּאַסיקן פּאַרטיציפּ וועסטו באַקומען שפּריכווערטער.

א. אַז מען האָט נעכטן (עסן) איז מען היינט ניט זאַט.
ב. דער אמת האָט פיס, איז ער (אַנטלויפן). דער ליגן האָט ניט קיין פיס, איז ער (בלייבן).
ג. שפּיי ניט אין ברונעם וואָס דו האָסט (טרינקען) פון אים.
ד. אַז דער קלוגער האָט זיך (באַנאַרישן), ווערט ער אויך אַ נאַר.
ה. אַ טויבער האָט (הערן) ווי אַ- שטומער האָט (דער- ציילן), אַז אַ בלינדער האָט אַליין (זען) ווי אַ קרומער איז (לויפן).

— 44 —

אַ ר ב ע ט : 63. פאַרבייט דעם ווערב אויף דעם פּאַסיקן פּאַרטיציפּ.

אַ ר ע ט ע נ י ש

אַ מאָל האָט אַ ייִד (דאַרפֿן) אַריבערפֿירן איבער אַ טייך אַ ציג, אַ וואָלף און אַ קעפּל קרויט. אין שיפֿל האָט (קענען) אַרייַנגיין פֿאַר אַ מאָל נאָר דער ייִד מיט איינער פֿון די דריי זאַכן; איבערלאָזן אויף איין זייט דעם וואָלף מיט דער ציג האָט ער ניט (טאָרן), ווייל דער וואָלף וואָלט זי (קאָנען) אויפֿעסן, איבערלאָזן די ציג מיטן קעפּל קרויט האָט ער אויך ניט (טאָרן), ווייל די ציג וואָלט (קאָנען) אויפֿעסן די קרויט.

ווי אַזוי האָט דער ייִד (אַריבערפֿירן) אַלע דריי זאַכן?

(פֿון די ייִדישע פֿאָלקס-רעטענישן)

גערענק! אריבערפירן — אריבערגעפירט.

— 45 —

אַ ר ב ע ט : 64. שרייב איבער דאָס מעשהלע און שטעל אַריין אויפֿן אָרט פֿון די קלאַמערן ה אָ ב אָדער א י ז .

ד ע ר פֿ ו י ע ר א ו ן ד ע ר פֿ ו ק ס .

אַ פּויער (—) געהאַלטן ביי זיך אַ פֿוקס. איין מאָל (—) דער פּויער אין כּעס געוואָרן אויפֿן פֿוקס און (—) באַשלאָסן אים אָנצולערנען. ער (—) אים צוגעבונדן צום עק קאָנאָפּליעס פֿלאַקס, אייַנגעוויקט זיי אין אייל און אונטערגעצונדן.

גראָד אויפֿן אומגליק (—) דער פֿוקס גענומען לויפֿן איבערן קאָרנפֿעלד פֿון דעם פּויער.

אויפֿן פֿעלד (—) מען דאַן געשניטן. דער פּויער (—) נאָכגעלאָפֿן נאָכן פֿוקס. ער (—) אָבער קיין זאַך ניט געקאָנט מאַכן. פֿון זיין קאָרן (—) קיין סימן ניט געבליבן.

(עזאָפּ)

פּאַרטיציפּן פון ווערבן וואָס האָבן אַ ווערבאַלן-צוגאָב.

אַרבעט: 65. פורעם די ערשטע פּערזאָן איינצאָל פון דער פּאַר-גאַנגענער צייט לויטן מוסטער:

איך זאָג אויס — איך האָב אויסגעזאָגט.
איך טראָג אַוועק —
איך הייב אויף —
איך לאָז אַראָפּ —
איך טרעט אַרויף —
איך נעם מיט —
איך זאָג צו —
איך באַק אָפּ —

איך גיי זיך דורך — איך בין זיך דורכגעגאַנגען.
איך קום צו —
איך פאַל אַרונטער —
איך לויף אַריין —
איך בלייב איבער —
איך פאַל אום —
איך פלי אַריבער —
איך פאָר אַרוים —

ווען אַ ווערב האָט אַ ווערבאַלן צוגאָב קומט דער פּרעפיקס גע- אין מיטן צווישן דעם ווערבאַלן צו-גאָב און ווערב.

ווערבאַלע צוגאָבן הייסן די צוגאָבן וואָס שאַפן איין וואָרט מיטן ווערב. אָבער צייטנווייז טיילן זיי זיך אָפּ פון ווערב. אויסזאָגן, אַוועק-טראָגן זיינען ווערבן מיט ווערבאַלע צו-גאָבן.

אַרבעט: 66. פאַרבייט דעם ווערב אויף דעם געהעריקן פּאַרטיציפּ.

דער סוחר און דער אייזל

אַ סוחר האָט (האָבן) אַן אייזל. איין מאָל האָט דער סוחר (קויפן) זאַלץ. האָט ער דאָס (אָנלאָדן) אויפן אייזל און אים (טרייבן) איבערן וועג. דער אייזל האָט זיך (אויסגליטשן) און איז (אַריינפאַלן) אין וואַסער. אַ טייל זאַלץ איז אין וואַסער (צעגיין) געוואָרן. דער אייזל האָט זיך (אויפהייבן) און איז באַלד (אַוועקגיין) מיטן וועג.

קומענדיק אַהיים האָט דער בעל-הבית ווידער (אָנ-לאָדן) דעם אייזל מיט זאַלץ. דער אייזל האָט זיך שוין איצט בכיוון (אַראָפּלאָזן) אין וואַסער. די זאַלץ איז ווידער (צע-גיין) און דעם אייזל איז ווידער גרינגער (ווערן) צו גיין.

דער בעל-הבית האָט פאַרשטאַנען די קונץ און האָט (באַשליסן) דערפאַר אָפּצוטאָן זיין אייזל.

ער האָט אים (אָנלאָדן) מיט שוואָמען און (אַוועק-טרייבן) אין זעלביקן וועג.

דער אייזל האָט זיך באַלד (אַריינוואַרפן) אין וואַסער. די שוואָמען זיינען דאָרט (אָנקוועלן). דער אייזל איז קוים (אַרויסקריכן) און האָט (דאַרפן) שלעפּן אַ צווייקע משא.

— 48 —

לאָמיר שאַפן נייע ווערבן.

א. מען דאַרף אָנגרייטן ערב שבת, כדי צו האָבן אויף שבת.
ב. וואָס דער טויבער דערהערט ניט, טוט ער עס צו-טראַכטן.
ג. אַז מען צעטרעט אַ וואָרעם, פאַרקרימט ער זיך אויך.
ד. אַ קלוגער טוט זיך אויסלאַכן אַז מען רופט אים נאַר.
ה. דער אמת וועט אַרויסקומען ווי בוימל אויף וואַסער.
ו. אַ פּאַטש פאַרגייט אַ וואָרט באַשטייט.
ז. אַז אַן אָרעמאַן פאַרדינט און אַ גביר דערלייגט — איז עס נאָך ניט גלייך.
ח. דער זאַטער פאַרשטייט ניט דעם הונגעריקן.

אַרבעט: 67. שרייב איבער די שפּריכווערטער און שטרייך אונטער די ווערבן וואָס האָבן אַ פּרעפיקס אָדער אַ ווערבאַלן צוגאָב.

אַרבעט 67א. טייל אָפּ די ווערבן פון די פּרעפיקסן און צוגאָבן לויטן מוסטער:

אָנגרייטן — גרייטן.	אויסלאַכן — לאַכן.
דערהערט —	אַרויסקומען —
צעטרעט —	פאַרגייט —
פאַרקרימט —	באַשטייט —
פאַרדינט —	דערלייגט —
פאַרשטייט —	אַוועקגיין —

מיט דער הילף פון אַ פּרעפיקס אָדער ווערבאַלן צוגאָב קענען מיר שאַפן נייע ווערבן וואָס האָבן אַנדערע ניואַנסן אָדער אַפילו אַן אַנדער באַטייט.

— 49 —

א ר ב ע ט: 68. שאַף נייע ווערבן פון דעם ווערב גיין מיט דער הילף פון די ווייטער אויסגערעכנטע ווערבאַלע צוגאָבן:

אַוועק, אויס, אום, אונטער, אויף, איבער, אַנטקעגן, איין, אָן, אָפּ, אַראָפּ, אַרויס, אַרום, אַרויף, אַריבער, אַריין, דורך, מיט, נאָך, פונאַנדער, צו, צונויף, צוריק.

א ר ב ע ט: 69. שאַף נייע ווערבן פון דעם ווערב גיין מיט די ווייטער אויסגערעכנטע פּרעפיקסן:

באַ, דער, פאַר, צע.

א ר ב ע ט: 70. צייכן אָן אין דיין העפט א בוים מיט א סך צווייגן, אויף יעדן צווייג שרייב אָן דעם ניי-געשאַפענעם ווערב. אויף דעם שטאַם דעם ווערב.

71. שאַף זאַצן פון די ניי-געשאַפענע ווערבן.

— 50 —

א ר ב ע ט: 72. לויט דעם מוסטער פון גיין שאַף נייע ווערבן פון:

לויפן, פאָרן, קומען, שרייבן, קוקן, לייגן, נעמען, שטעלן, וואַרפן, שניידן.

א ר ב ע ט: 73. שאַף דריי נייע ווערבן מיט פּרעפיקס אַנט-.

74. שאַף פינף נייע ווערבן מיטן פּרעפיקס באַ-

75. שאַף פינף נייע ווערבן מיטן פּרעפיקס דער-.

76. שאַף פינף נייע ווערבן מיטן פּרעפיקס פאַר-.

77. שאַף פינף נייע ווערבן מיטן פּרעפיקס צע-.

א ר ב ע ט: 78. זעץ איבער אויף אן אנדער שפּראַך די ניי-געשאַפענע ווערבן:

דורכגיין, אַוועקגיין, אונטערגיין, אַראָפּ-גיין, איבערלויפן, צולויפן, אַריינלויפן, נאָכלויפן, אויסשרייבן, צושרייבן, פאַר-שרייבן, אונטערשרייבן.

קומעדיקע צייט

— 51 —

בייגונג פון ווערבן אין דער קומעדיקער צייט

אײנצאָל: איך וועל לערנען
דו וועסט לערנען
ער, (זי, עס) וועט לערנען.

מערצאָל: מיר וועלן לערנען
איר וועט לערנען.
זיי וועלן לערנען.

ארבעט: 79. שרייב איבער די דאָזיקע בייגונגען און שטרייך אונטער איין מאָל די פערזאָנען און צוויי מאָל די ווערבן אין דער קומעדיקער צייט.

80. פון וויפיל טיילן באַשטייט דער ווערב אין דער קומעדיקער צייט? וואָסער טייל ווערט געבויגן און וואָסער טייל בלייבט ניט געביטן.

> אין דער קומעדיקער צייט ווערט דער ווערב געפורעמט פון צוויי טיילן: פון דעם הילפסווערב וועלן און דעם אינפיניטיוו פון ווערב.
>
> דער צווייטער טייל וואָס בייט זיך ניט אין אַלע פערזאָנען און צאָלן רופט זיך אינפיניטיוו.

— 52 —

אַרבעט: 81. בייג די ווייטערדיקע ווערבן אין אַלע פּערזאָנען איינ-צאָל און מערצאָל.

איך וועל פרעגן, דו וועסט פרעגן, אאַ״וו. איך וועל טראַכטן, איך וועל לויפן, איך וועל כאַפּן, איך וועל שטיין, איך וועל שרייבן, איך וועל קריכן, איך וועל יאָגן, איך וועל טראָגן, איך וועל טאַנצן, איך וועל טרייבן, איך וועל רוען, איך וועל שלאָפן.

— 53 —

אַרבעט: 82. שרייב איבער אין דיין העפט „דעם זיידנס טאַבאַק-פּושקע“ און שטרייך אונטער דעם א י נ פ י נ י ט י וו מיט איין פּאַסיקל און דעם הילפסווערב ו ו ע ל ן מיט צוויי.

דעם זיידנס טאַבאַק-פּושקע

— זיידע, ווייז דיין טאַבאַק-פּושקע
איך וויל אויך אַ שמעק.
— גיי, דו ביסט אַ שטיפער! — זאָגט ער,
און ער גייט אַוועק.

טראַכט איך: אַז דער זיידע וועט שלאָפן,
קיינער וועט ניט זיין,
וועל איך אויף די שפּיצן פינגער
אין זיין שטוב אַריין,

אויסזוכן די פּושקע טאַבאַק
און דעם לאַנגן ראָק,
אָנמעסטן די גרויסע ברילן,
אומגיין מיט זיין שטאָק.

טאַבאַק וועל איך קאָנען שמעקן,
וויפיל נאָר איך וויל,
וועל איך אויסזען ווי אַ זיידע —
אוי, ס'אַ שיינע שפּיל!

שאַ, דער זיידע מוז שוין שלאָפן —
בין איך באַלד ביים טיר;
שפּאַן אַריין צו אים אין קאַמער,
ס'הערט זיך ניט קיין ריר.

כאַפּ איך זיידנס ראָק פון בעטל,
זוך די טאַבאַק אויס,
נעם דעם שטעקן און די ברילן,
און איך גיי אַרויס...

שטעל איך זיך אַנטקעגן שפּיגל
אין דעם זיידנס ראָק,
מיט די ברילן אויף די אויגן,
אין מיין האַנט דעם שטאָק.

וויל איך עפענען די פּושקע,
קאָן איך ניט — ס'איז שווער;
ריים איך זי מיט אַלע כוחות,
דריי זי הין און הער.

ביז עס רייסט זיך אויף דאָס דעקל
מיט אַ גרויסן קנאַל.
פליט אין נאָז און אין די אויגן
טאַבאַק ביטער גאַל...

האַפּטשי! האַפּטשי! זיידע זיידע!
גיכער קום אַהער!
האַפּטשי! אוי, די אויגן, זיידע!
כ׳וועל ניט טאָן דאָס מער!

קומט דער זיידע שנעל צו לויפן...
„האַפּטשי! וואָס איז דאָס?"
— אוי מיר ביטער אין די אויגן,
ביטער דאָ אין נאָז!

„זעסט — זאָגט ער — ווערסט נאַשן טאַבאַק
אַז דער זיידע שלאָפט?"
כ׳ווייס — איך בין געווען אַ שלעכטער
האָט מיך גאָט געשטראָפט.

(לאה ק. האָפמאַן)

— 54 —

אינפיניטיוו מיט -ן און -ען

אַרבעט: 83. די ווייטערדיקע ווערבן זיינען אין דער ערשטער פּער-
זאָן איינצאָל פון דער איצטיקער צייט, מאַך זיי אי-
בער אויף דער ערשטער פּערזאָן מערצאָל פון דער
איצטיקער צייט און אויף דער ערשטער פּערזאָן איינ-
צאָל פון דער קומעדיקער צייט לויטן מוסטער.

איך שטעל — מיר שטעלן — איך וועל שטעלן.
איך קען —
איך קוק —
איך זיץ —
איך מאַך —
איך חלש —
איך וויין —
איך האַלט —
איך כאַפּ —
איך דענק —

איך שפרינג — מיר שפרינגען — איך וועל שפרינגען.
איך לויף —
איך טאַנץ —
איך שריי —
איך וויין —
איך רעד —
איך רייט —
איך פאָר —
איך קריך —
איך שאָקל —

> דער אינפיניטיוו ענדיקט זיך אויף -ן אָדער -ען און איז געגליכן צו דער ערשטער פּערזאָן מערצאָל פון דער איצטיקער צייט.
> אויב דער שטאַם פון ווערב ענדיקט אויף אַ וואָקאַל אָדער אויף **מ, נ, נג, נק,** אויף **ל** מיט א קאָנסאָנאַנט פריער האָט ער אין אינפיניטיוו -ען. אין אַלע אַנדער׳ע פאַלן -ן

א ר ב ע ט : 84. די וויטערדיקע ווערבן זיינען אויסנאַמען. דאָס הייסט אַז דער אינפיניטיוו איז אַנדערש פון דער ערשטער פּערזאָן מערצאָל פון דער איצטיקער צייט. שרייב זיי איבער.

א. איך בין — מיר זיינען — איך וועל זיין.
ב. איך גיב — מיר גיבן — איך וועל געבן.
ג. איך גיי — מיר גייען — איך וועל גיין.
ד. איך וויל — מיר ווילן — איך וועל וועלן.
ה. איך ווייס — מיר ווייסן — איך וועל וויסן.
ו. איך זע — מיר זעען — איך וועל זען.
ז. איך טו — מיר טוען — איך וועל טאָן. (טון)
ח. איך שטיי — מיר שטייען — איך וועל שטיין.

אַרבעט: 85. שרייב איבער די ווייטערדיקע זאַצן און שטעל אַריין די ריכטיקע פאָרמע.

א. מיר (גיין — גייען), מיר (גיין — גייען) אין רייען צו פיר, מיר (גיין — גייען), מיר (גיין — גייען) אויף אַ שפּאַציר. ב. לאָמיר (גיין — גייען), לאָמיר (גיין — גייען), לאָמיר דאָ איבערלאָזן די שוואַכע. ג. וואָס מיר (זיין — זיינען), (זיין — זיינען) מיר, אָבער קינדער (זיין — זיינען) מיר. ד. אַז איך וועל (זיין — זיינען) אַ גרויסע, וועל איך (זיין — זיינען) אַ מאַמע. ה. דער וואָס וויל (וויסן — ווייסן), דער וועט קענען. ו. מיר (וויסן — ווייסן) גאָרניט. ז. נישט אַלע וואָס (זען — זעען), פאַרשטייען וואָס זיי (זען — זעען). ח. פון זאָגן ביז (טאָן — טוען) איז אַ ווייטער מהלך. ט. וואָס מיר (טאָן — טוען), (טאָן — טוען) מיר אָבער לערנען, לערנען מיר. י. נישט געשטאַנען נאָר נישט (שטיין — שטייען), ניט געלאָפן, (גיין — גייען) נאָר (גיין — גייען). יא. אויב איר וועט (ווילן — וועלן), איז עס ניט קיין לעגענדע. יב. אַז איר וועט (גיבן — געבן) צדקה, וועט איר ניט אָרעמער ווערן.

— 56 —

אַרבעט: 86. שאַף פון דער ערשטער פּערזאָן איינצאָל איצטיקע צייט, די אינפיניטיוון לויטן מוסטער:

איך בענק — בענקען.
איך טרינק —
איך זינק —
איך ברענג —
איך הענג —
איך קלינג —
איך ברום —
איך נעם —
איך געווין —
איך פאַרדין —

איך האַנדל — האַנדלען.
איך וואַקל זיך —
איך שמייכל —
איך בוי —
איך געטריי —
איך זאַמל —
איך האַרעווע —
איך פאַרזיי —
איך ליי —
איך פאַרברי —

— 57 —

אינפיניטיוון מיט דער ענדונג -נען.

א ר ב ע ט : 87. שאַף די אינפיניטיוון לויטן מוסטער:

איך גנבֿע — גנבֿע-נען.

איך דאגה —

איך חכמה זיך — זיך חכמע-נען.

איך חנפֿע —

איך חתמע —

איך ירשע —

איך קאָרמע —

איך קוילע —

> איייניקע אינפיניטיוון האָבן די ענדונג -נען. זיי קענען אויך קומען מיט דער ענדונג -ן.

א ר ב ע ט : 88. בייג די ווערבן פֿון פּאַראַגראַף 57 אין דער קומעדי-קער צייט.

ב יי ש פּ י ל : איך וועל גנבֿענען, דו וועסט גנבֿע-נען, ער וועט גנבֿענען, מיר וועלן גנבֿענען, איר וועט גנבֿענען, זיי וועלן גנבֿענען.

— 58 —

א ר ב ע ט : 89. שרייב איבער דעם ווייטערדיקן אויסצוג פֿון חומש און שטעל אַריין אויף דעם אָרט פֿון דעם שטאַם פֿון ווערב דעם פּ אַ ר ט י צ י פּ אָדער דעם א י נ-פ י נ י ט י וו.

ד י ש ט ר אָ ף

האָט געאָט דער האַר (זאָג) צו דער שלאַנג: ווייל דו האָסט דאָס געטאָן, זאָלסטו זיין (פֿאַרשעלט) פֿון צווישן אַלע חיות פֿון פֿעלד; אויף דיין בויך זאָלסטו (גיי) און שטויב זאָלסטו (עס) אַלע טעג פֿון דיין לעבן.

און אַ פֿײַנטשאַפֿט װעל איך (מאַך) צװישן דיר און צװישן דער פֿרױ, און צװישן דײַן זאָמען און איר זאָמען; ער װעט דיך (טרעף) אין קאָפּ און דו װעסט אים (טרעף) אין טריט.

און צו דער פֿרױ האָט ער (זאָג): (מער) װעל איך (מער) דײַן מאַטערניש און דײַנע װײטאָגן. מיט יסורים װעסטו (געבער) קינדער.

און צו אָדמען האָט ער (זאָג): װײל דו האָסט (הער צו) צו דעם קול פֿון דײַן װײַב און האָסט (עסן) פֿון דעם בױם װאָס איך האָב דיר (זאָג אָן) אַזױ צו זאָגן: זאָלסט פֿון אים ניט (עס); זאָל די ערד זײַן פֿאַרשאָלטן פֿון דײַנעטװעגן. מיט מאַטערניש זאָלסטו זיך (נער) פֿון איר אַלע טעג פֿון דײַן לעבן. מיט דעם שװײס פֿון דײַן פּנים זאָלסטו (עס) ברױט, ביז דו קערסט זיך אום צו דער ערד; װײל פֿון איר ביסטו (נעם) געװאָרן. װאָרום שטױב ביסטו און צו שטױב װעסטו זיך (קער אום).

א ר ב ע ט : 90. שרײב איבער די װערטערדיקע װערבן אין דער קומע-דיקער צײַט.

איך קער אום — איך װעל אומקערן, דו װעסט אומקערן או״װ....

איך הער צו — איך װעל צוהערן,... או״װ.

איך זאָג אָן — איך װעל אָנזאָגן,... או״װ.

איך האַלט צו — איך װעל צוהאַלטן,... או״װ.

איך גײ אַרונטער — איך װעל אַרונטערגײן,... או״װ.

איך שטײג אַרױף — איך װעל אַרױפֿשטײגן,... או״װ.

איך טראָג אַװעק — איך װעל אַװעקטראָגן,... או״װ.

איך נעם מיט — איך װעל מיטנעמען,... או״װ.

איך בלײַב איבער — איך װעל איבערבלײַבן,... או״װ.

אימפעראַטיוו

— 60 —

ווען אַ ביכל וואָלט געקענטריידן, וואָלט עס אַזוי געזאָגט:

נעם מיך ניט מיט קיין שמוציקע הענט! —
איך וויל זיין ריין.
שרייב ניט אויף מיר מיט טינט! —
איך בין דיר ניט קיין העפט.
דריי מיך ניט צונויף ווי אַ טרייבל! —
איך וויל ניט זיין קרום און לאָם.
לייג מיך ניט אויף קיין נאַסן טיש! —
איך האָב פיינט צו ליגן אין נעץ.
מיינע טאָוועלעך וויקל איין אין אַ פּאַפּיר! —
וועל איך זיין גאַנץ און ריין.

אַרבעט: 91. שרייב איבער „ווען אַ ביכל" און שטרייך אונטער די ווערבן וואָס באַצייכענען אַ באַפעל אָדער אַ בקשה.

92. שאַף דעם אימפעראַטיוו פון די וייטערדיקע ווערבן, וואָס שטייען אין דער ערשטער פּערזאָן איינצאָל פון דער איצטיקער צייט לויטן מוסטער.

איך נעם — נעם!
איך שרייב —
איך דריי —
איך לייג —
איך וויקל איין —

איך לויף — לויף!
איך שפּרינג —
איך זיץ —
איך לאַך —
איך גיי —

די פאָרם פון ווערב וואָס באַצייכנט אַ באַפעל אָדער אַ בקשה רופט מען אימפעראַטיוו.
דער אימפעראַטיוו איינצאָל איז גלייך צו דער ערשטער פערזאָן איינצאָל פון דער איצטיקער צייט.

מערצאָל פון אימפעראַטיוו

— 61 —

קאַראַהאָד

קינדער, הערט! איר ווילט מיך פאָלגן?
זעט, ווי פריש עס איז דער סאָד!
נעמט אייך אַלע פאַר די הענטלעך
און מיר וועלן גיין אַ קאַראַהאָד.

איצט לאָזט לאַנגזאַמער די פיסלעך
און שטעלט אָפּ די טענצעריי;
מיר וועלן אָפּרוען צו ביסלעך
און דערנאָך קומט אויף דאָס נײַ!

(לייב ניידוס)

אַרבעט: 93. שרייב איבער „קאַראַהאָד" און שטרייך אונטער די ווערבן וואָס באַצייכענען אַ באַפעל אָדער אַ בקשה. באַמערק צו וויפל קינדער איז געווענדעט דער באַפעל.

94. שרייב אויס די ווייטערדיקע ווערבן וואָס באַצייכענען אַ באַפעל און שטעל זיי אין איינצאָל.

הערט! — הער!	פאָרט! — פאָר!
זעט! —	לערנט! —
נעמט! —	שרייבט! —
לאָזט! —	צייכנט! —
שטעלט אָפּ! —	לייענט! —
קומט! —	רופט! —

> דער אימפעראַטיוו האָט צוויי פשוטע פאָרמען: הער! — הערט! זע! — זעט!
> דאָס איז די צווייטע פערזאָן אין איינצאָל און מערצאָל.

אַרבעט: 95. די ווייטערדיקע ווערבן זיינען אין דער צווייטער פּער־זאָן מערצאָל פון דער איצטיקער צייט. שאַף פון זיי דעם אימפּעראַטיוו מערצאָל לויטן מוסטער:

איר מאַרשירט — מאַרשירט!	איר קויפט — קויפט!
איר פירט —	איר ציילט —
איר קייקלט —	איר גייט —
איר נעמט —	איר ווייזט —
איר שפּילט —	איר גיסט —
איר לערנט —	איר זעט —
איר שטייט —	איר טרינקט —

> דער אימפּעראַטיוו מערצאָל איז גלייך צו דער צווייטער פּערזאָן מערצאָל פון דער איצטיקער צייט.

— 63 —

אַרבעט: 96. שאַף פון די ווייטערדיקע אינפיניטיוון דעם אימפּע־ראַטיוו אין איינצאָל און מערצאָל לויטן מוסטער:

אַנטלויפן — אַנטלויף!	אויפהייבן — הייב אויף!
געפינען —	אויסהאַלטן —
באַהאַלטן —	אַראָפּנעמען —
דערלעבן —	אַרויפקריכן —
פאַרבייטן —	דורכקומען —
צעשיטן —	מיטברענגען —
פאַרגיבן —	אַוועקגיין —
צענעמען —	אויפשטיין —

> די **פּרעפיקסן** טיילן זיך ניט אָפּ פון שטאַם. די **וועובאַלע צוגאָבן** טיילן זיך אָפּ און קומען נאָך דעם ווערב.

א ר ב ע ט : 97. שרייב איבער דאָס ווייטערדיקע ליד און שטעל אַריין אויף דעם אָרט פון אינפיניטיוו דעם אימפּעראַטיוו.

האַרבסט-ליד

(הוליען((הוליען) בֿייזע ווינטן,
פריי (באַהערשן) די וועלט;
(ברעכן) די צווייגן פון דיביימער,
(טאָן) וואָס אייך געפעלט.

(טרייבן) די פייגל פון די וועלדער
און (פּאַריאָגן) זיי פּאָרט,
די וואָס קענען ווייט ניט פליען,
(טייטן) זיי אויפן אָרט.

(רייסן) די לאָדן פון די הייזלעך,
שויבן (ברעכן) אַרויס!
ברענט אַ ליכטל ערגעץ טונקל —
(לעשן) מיט צאָרן אויס!

(הוליען) (הוליען), בייזע ווינטן,
איצט איז אייער צייט;
לאַנג וועט דויערן דער ווינטער
זומער איז נאָך ווייט.

(א. רייזען)

— 65 —

אַרבעט: 98. שרייב איבער דאָס ווייטערדיקע ליד און שטעל אַריין אויפֿן אָרט פֿון אינפֿיניטיוו דעם אימפּעראַטיוו.

צו אַן אַעראָפּלאַן

פֿון דער הייך,
אַעראָפּלאַן, אַעראָפּלאַן
(קומען) אַראָפּ
און (נעמען) מיך אויך!

(נעמען) מיך אויך
אויף פֿליגלען ברייט
פֿליען בין איך
שטענדיק גרייט.

(פֿליען) מיט מיר!
(פֿליען) גאָר הויך!
אַעראָפּלאַן, אַעראָפּלאַן,
(נעמען) מיך אויך!

— 66 —

אַרבעט: 99. שרייב איבער די ווייטערדיקע שפּריכווערטער און שטעל אַריין אויפֿן אָרט פֿון אינפֿיניטיוו דעם אימ-פּעראַטיוו.

א. (געבן) מיר ניט קיין האָניק און (בייסן) מיך ניט!
ב. (קנייפּן) די באַקן, די פֿאַרב זאָל שטיין!
ג. (פֿליען) ניט הויך וועסטו ניט פֿאַלן נידעריק.
ד. (רופֿן) מיך נאַר, אַבי (געבן) מיר לעקעך.
ה. (הערן) און (זען), (קוקן) און (שווייגן).

צונויגעזעצטע פארמען פון אימפעראטיוו.

לאמיר זיך דערמאנען וואס מיר האבן געלערנט אין חומש.

א. יעקב שיקט אַ מתנה צו עשון, ווייל ער האט זיך געטראַכט:

„לאמיך אים איבערבעטן מיט דער מתנה, וואס גייט מיר פאָרויס און דערנאָך וועל איך זען זיין פנים, אפשר וועט ער מיך אויפנעמען". (יהואש)

ב. עשו וויל אַרויסווייזן געטריישאַפט צו יעקבן, זאָגט ער צו אים:

„לאמיך אָפּשטעלן ביי דיר פון דעם פאָלק וואס מיט מיר (כדי דיך אָפּצוהיטן)". (יהואש)

ג. לבן וויל פאַרריכטן די עוולה וואס ער האט געטאָן צו יעקבן, זאָגט ער צו אים:

„און אַצינד קום לאמיר שליסן אַ בונד, איך און דו און זאל עס זיין צום עדות צווישן מיר און צווישן דיר" (יהואש).

ד. עשו זאָגט צו יעקב:

— „לאמיר ציען און גיין! און איך וועל גיין לעבן דיר. (יהואש)

ה. יתרו זאָגט צו זיינע טעכטער וועגן משהן וואָס האָט זיי געראַטעוועט פון די פאַסטוכער:

„רופט אים און ז אָ ל ע ר עסן (מיט אונדז) ברויט.
(יהואש).

ביי דער וועלט באַשאַפונג שטייט:

ז אָ ל ן ז י ך א יי נ ז אַ מ ל ע ן די וואַסערן פון אונ-
טערן הימל אויף איין אָרט און ז אָ ל ז י ך ב אַ וו יי ז ן
די יבשה. (יהואש)

א ר ב ע ט : 100. שרייב איבער די אויסצוגן פון חומש און באַמערק די צעשפרייטע ווערטער.

101. שרייב איבער באַזונדער די אויסדרוקן וואָס באַ-ציייכענען אַ באַפעל אָדער אַ בקשה.

> דער אימפעראַטיוו האָט אויך די ערשטע און דריטע פערזאָן איינצאָל און מערצאָל. זיי האָבן אָבער אַ צו-נויפגעזעצטע פאָרם.

— 68 —

ד ע ר א י מ פ ע ר אַ ט י וו א י ן אַ ל ע ד ר יי פ ע ר ז אָ נ ע ן.

1. לאָמיך לערנען!	1. לאָמיר לערנען!
2. לערן!	2. לערנט!
3. זאָל ער לערנען!	3. זאָלן זיי לערנען!

> די ערשטע פערזאָן איינצאָל פון אימפעראַטיוו ווערט גע-שאַפן מיט ל אָ מ י ך. די ערשטע פערזאָן מערצאָל פון אימפעראַטיוו ווערט געשאַפן מיט ל אָ מ י ר. די דריטע פערזאָנען מיט ז אָ ל ע ר, ז אָ ל ן ז יי.

א ר ב ע ט : 102. פורעם דעם אימפעראַטיוו פון די ווערבן ל ע ב ן, ז אָ ג ן, ג יי ן, ז ו כ ן, וו אַ ש ן, לויטן מוס-טער פון פאַראַגראַף 68.

איבערחזרונג

אַרבעט: 103. בייג די ווערבן **צוגיין, לויפן, זוכן, צענעמען**, אין אַלע צייטן, פּערזאָנען און צאָלן, לויטן מוסטער:

איצטיקע צייט.	קומעדיקע צייט.
איך וואַש.	איך וועל וואַשן.
דו וואַשסט.	דו וועסט וואַשן.
ער וואַשט.	ער וועט וואַשן
מיר וואַשן.	מיר וועלן וואַשן.
איר וואַשט.	איר וועט וואַשן.
זיי וואַשן.	זיי וועלן וואַשן.

פאַרגאַנגענע צייט.	אימפּעראַטיוו.
איך האָב געוואַשן.	לאָמיך וואַשן!
דו האָסט געוואַשן.	וואַש!
ער האָט געוואַשן.	זאָל ער וואַשן!
מיר האָבן געוואַשן.	לאָמיר וואַשן!
איר האָט געוואַשן.	וואַשט!
זיי האָבן געוואַשן.	זאָלן זיי וואַשן!

פּאַרטיציפּ: געוואַשן.

אינפיניטיוו: וואַשן.

ווען מען וויל אָנרופן אַ ווערב רופט מען אָן דעם אינפיניטיוו. מען זאָגט **איך וואַש** איז די ערשטע פּערזאָן פון דער איצטיקער צייט פון ווערב **וואַשן**.

ב. דער אַדיעקטיװ

— 70 —

דער אַדיעקטיװ אין זאַץ

קומט דער ליבער זומער...

קומט דער ליבער זומער,
שפּילן מיר אין זאַמד;
דאָס איז אונדזער װוּנג,
דאָס איז אונדזער לאַנד.

שװאַרצע קאַרשן רײַסן מיר,
רױטע לאָזן מיר שטײן,
גוטע קינדער נעמען מיר,
שלעכטע לאָזן מיר גײן.

(פֿאָלקסליד)

אַרבעט: 104. שרײַב איבער די װײַטערדיקע פֿראַגעס און ענטפֿער אויף זײ.

א. װאָסער זומער קומט?
ב. װאָסערע קאַרשן רײַסן מיר?
ג. װאָסערע קאַרשן לאָזן מיר שטײן?
ד. װאָסערע קינדער נעמען מיר?
ה. װאָסערע קינדער לאָזן מיר גײן?

די װערטער װאָס באַצײכענען די אײגנשאַפֿטן פֿון סובסטאַנטיװן און װײַזן אָן אויף דעם אונטערשײד פֿון אײן זאַך צו דער אַנדערער רופֿן זיך אַדיעקטיװן.

אַרבעט: 105. שרײַב איבער דאָס פֿאָלקסליד „קומט דער ליבער זומער" און שטרײַך אונטער די אַדיעקטיװן.

106. טראַכט צו און שרײַב אַרײַן אַדיעקטיװן װאָס זאָלן זײַן קאָנטראַסטן צו די װײַטערדיקע.

אַלט, ברײט, גוט, גרױס, הױך, קאַלט, שװאַרץ, לאַנג, מיאוס, דאַר, קלוג, ליכטיק, אָרעם.

בײַשפּיל: אַלט — נײַ;

צום ערשטן מאָל אין שול.

די מאַמע טוט אָן פייגעלען אַ ווייס קליידעלע, פוצט אויס אירע ברוינע שיכעלעך, פאַרבינדט איר די שוואַרצע הערעלעך מיט אַ רויטער סטענגע און פירט זי צום ערשטן מאָל אין שול אַריין.

אויף דעם ברייטן הויף פון שול זיינען שוין דאָ אַ סך גרויסע און קליינע קינדער. מע שרייט, מע שטיפט און מע שפּילט זיך.

די לערערין איז צוגעגאַנגען צו דער קליינער פייגעלען, האָט זי אָנגענומען ביי דעם גלאַטן הענטעלע און אַריינגעפירט אין אַ שיינעם און ליכטיקן זאַל.

פייגעלען איז געווען זייער גוט און זי האָט געזאָגט צו דער מאַמען:

— טייערע מאַמע, וואַרט ניט אויף מיר! איך וועל אַליין שוין קומען אַהיים.

און פייגעלע האָט טאַקע געטראָפן דעם וועג אַהיים.

אַ ר ב ע ט: 107. שרייב איבער די דערציילונג און שטרייך אונטער די אַדיעקטיוון.

אַדיעקטיוון פון מענלעכן און ווייבלעכן מין.

א. דער גוטער פריינד העלפט אים.
דער שלעכטער ברודער רודפט אים.
דער קלוגער מענטש גיט אַן עצה.

ב. די גוטע טאָכטער העלפט אַרויס.
די שלעכטע שנור קריגט זיך.
די קלוגע פרוי פאַרשטייט אַ סך.

אַרבעט: 108. שרייב איבער די דאָזיקע זאצן און שטרייך אונטער די אַדיעקטיוון.

109. שרייב אויס באַזונדער די ווערטער גרופּעס וואָס באַשטייען פון אַרטיקל, אַדיעקטיוו און סובסטאַנטיוו און באַמערק דעם אונטערשייד פון דעם אַדיעקטיוו אין די צוויי גרופּעס זאַצן **א** און **ב**.

ביישפּיל: א. דער גוטער פריינד. ב. די גוטע טאָכטער.

> דער אַדיעקטיוו אין איינצאָל וואָס באַצייכנט דעם סובסטאַנטיוו פון מענלעכן מין, וואָס איז אַ סוביעקט אין זאַץ, קומט מיט דער ענדונג -ער.
> דער אַדיעקטיוו אין איינצאָל וואָס באַצייכנט דעם סובסטאַנטיוו פון ווייבלעכן מין, וואָס איז אַ סוביעקט אין זאַץ, קומט מיט דער ענדונג -ע.

אַרבעט: 110. שרייב צו אַדיעקטיוון צו די ווייטערדיקע סובסטאַנטיוון:

דער טאַטע, די מאַמע, דער ברודער, די שוועסטער, דער שכן, די שכנה, דער חבר, די חברטע, דער טיש, די באַנק, דער שטול, די סאָפע, די פאָדלאָגע.

— 73 —

א ר ב ע ט : 111. שרייב איבער די ווייטערדיקע שפּריכווערטער און שטעל צו די ענדונגען ־ער אָדער ־ע.

א. דער (גוט) שכן איז בעסער ווי א (ווייט) קרוב.

ב. די (בייז) צונג ברענגט אַרויף אויפן פייער.

ג. נישטאָ קיין (מיאוס) כלה און נישטאָ קיין (מיאוס) חתן.

ד. דער (קאַרג) ליגט אויפן געלט ווי אַ הונט אויף אַ ביין.

ה. דער (שעמעדיק) תלמיד קען זיך ניט אויסלערנען.

ו. די (גוט) טאָכטער איז אַ (גוט) שנור.

— 74 —

אַ ד י ע ק ט י װ ן פ ו ן מ י ט ע ל ן מ י ן.

א. דאָס גוטע קינד לערנט זיך.
דאָס שאַרפע מעסער שניידט.
דאָס אַלטע לעמפּל ברענט.

ב. אַ גוט קינד לערנט זיך.
אַ שאַרף מעסער שניידט.
אַן אַלט לעמפּל ברענט.

ג. אַ קינד אַ גוטס לערנט זיך.
אַ מעסער אַ שאַרפס שניידט.
אַ לעמפּל אַן אַלטס ברענט.

א ר ב ע ט : 112. שרייב איבער די דאָזיקע זאַצן און שטרייך אונטער די אַדיעקטיוון.

113. שרייב אויס באַזונדער די ווערטער-גרופּעס וואָס באַ-שטייען פון אַרטיקל, אַדיעקטיוו און סובסטאַנטיוו, און באַמערק דעם אונטערשייד אין די דריי גרופּעס זאַצן **א**, **ב** און **ג**.

> דער אַדיעקטיוו אין איינצאָל, וואָס באַצייכנט אַ סובסטאַנ-טיוו פון מיטעלן מין וואָס איז אַ סוביעקט אין זאַץ, האָט די ענדונגען -**ע**, -**ס** אָדער קומט גאָר אָן אַן ענדונג.
>
> דער כלל איז אַזוי:
>
> 1. אויב פאַרן אַדיעקטיוו קומט דער באַשטימטער אַר-טיקל דאָס, איז די ענדונג -**ע**.
> 2. אויב פאַרן אַדיעקטיוו קומט דער אומבאַשטימטער אַרטיקל **אַ** אָדער **אַן**, אָדער אין גאַנצן ניט קיין אַר-טיקל, האָט דער אַדיעקטיוו ניט קיין ענדונג.
> 3. אויב דער אַדיעקטיוו שטייט נאָך דעם סובסטאַנטיוו פון מיטעלן מין האָט ער די ענדונג -**ס**.

אַ ר ב ע ט : 114. פאַרענדיק די ווערטער-גרופּעס לויטן מוסטער:

דער גוטער שכן — אַ גוטער שכן — אַ שכן אַ גוטער.

דער ליבער טאַטע —

דער געטרייער חבר —

דער נייער טיש —

דער געשניצטער שטול —

דער געשליפענער שפּיגל —

אַ ר ב ע ט : 115. פאַרענדיק די ווערטער-גרופּעס לויטן מוסטער:

די ווייכע סאָפע — אַ ווייכע סאָפע — אַ סאָפע אַ ווייכע.

די ברייטע בעט —

די הויכע שאַפע —

די האַרציקע שכנה —

די טייערע מאַמע —

די איבערגעגעבענע חברטע —

אַ ר ב ע ט: 116. פאַרענדיק די ווערטער-גרופּעס לויטן מוסטער:

דאָס שיינע בילד — אַ שיין בילד — אַ בילד אַ שיינס.
דאָס נידעריקע בענקעלע —
דאָס קליינע טישעלע —
דאָס זילבערנע לייכטערל —
דאָס גאָלדענע בעכערל —
דאָס בלייענע קייקעלע —
דאָס רויטע עפּעלע —
דאָס זאַפטיקע באַרנעלע —
דאָס גרינע ביימעלע —
דאָס ווייסע בלימעלע —
דאָס געלע פּלאַטערל —

די דאָזיקע ענדונגען רופן זיך די ענדונגען פון ערשטן בייגפאַל. דער ערשטער בייגפאַל רופט זיך נ אָ מ י - נ אַ ט י וו.

אַ ר ב ע ט: 117. שרייב איבער די ווייטערדיקע שפּריכווערטער און זאַצן און שטעל צו די געהעריקע ענדונגען.

א. דאָס (בעסט) פערד דאַרף האָבן אַ בייטש.
ב. דער (קליגסט) מענטש דאַרף האָבן אַן עצה.
ג. גיס ניט אויס דאָס (אומריין) וואַסער כל-זמן דו האָסט ניט דאָס ריינע.
ד. דאָס (גליקלעך) קינד ווערט געבוירן אין אַ זיידן העמדל.
ה. די (בעסט) הון איז אויפן טעלער.
ו. דאָס (בעסט) מילכיקס איז אַ שטיקל פלייש.
ז. דער (בעסט) שפּאַציר איז פאַר דער אייגענער טיר.
ח. דו מיידעלע, דו (שיין), דו מיידעלע, דו (פיין) כ'וועל דיר עפּעס פרעגן אַ רעטעניש אַ (פיין).

דער אָביעקט.

א. דער חכם בויט אַ שטוב.
ב. די באָבע שטריקט אַ זאָק.
ג. דער זיידע לאָזט אַ טרער.
ד. דער דאָקטאָר היילט אַ פריינד.
ה. דער טאַטע גייט פון ברודער.
ו. דער לערער גייט צו אַ שילער.

אַרבעט: 118. געדענקסטו נאָך וואָס איז אַ סוביעקט און וואָס איז אַ פּרעדיקאַט? דער ענטפער אויף דער פראַגע ווער? גיט אונדז דעם סוביעקט. דער ענטפער אויף דער פראַגע וואָס טוט? וואָס איז? גיט אונדז דעם פּרעדיקאַט. אויב אַזוי, טאָ שרייב איבער די דאָזיקע זאַצן און שטרייך אונטער דעם סוביעקט מיט איין פּאַסיקל און דעם פּרעדיקאַט מיט צוויי פּאַסיקלעך.

אַרבעט: 119. שרייב איבער די ווייטערדיקע פראַגעס און ענטפער אויף זיי.

א. וואָס בויט דער חכם?
ב. וואָס שטריקט די באָבע?
ג. וואָס לאָזט דער זיידע?
ד. וועמען היילט דער דאָקטאָר?
ה. פון וועמען גייט דער טאַטע?
ו. צו וועמען גייט דער לערער?

דער סובסטאַנטיוו, וואָס ווערט באַהערשט פון דעם פּרעדיקאַט (ווערב) און ענטפערט אויף די פראַגעס וואָס? וועמען? צו וואָס? פון וואָס? צו וועמען? פאַר וועמען? אאַ"וו רופט זיך אָביעקט.

— 78 —

אַ ר ב ע ט : 120. שרייב איבער די ווייטערדיקע זאַצן און שטרייך אונטער דעם אָ ב י ע ק ט.

א. דער בעל־הבית האָט געהאַט אַ משרת.
ב. דער פּאָסטוך טרעפט אַ בער.
ג. אַ פייגעלע האָט דערשאָסן דער יעגער.
ד. משה בינדט איין ביכער.
ה. פּייסי האָט געדאַוונט פאַר דעם עמוד.
ו. מאָטל האָט געכאַפּט פיש.
ז. דאָס שטעטל איז פול מיט מחותנים.
ח. מאַמעס טראָגן קינדער.

— 79 —

ד ע ר אָ ב י ע ק ט י וו.

א. שונמית פאַרקלאָגט דעם בייזן ווינט.
ב. דער דאָקטאָר היילט דעם קראַנקן פּאַציענט.
ג. דער טאַטע פאַרברענגט מיט דעם חשובן גאַסט?
ד. דאָס שיפל פאָרט אויף דעם שטילן טייך.
ה. דער לערער דערנענטערט זיך צו דעם פוילן שילער.
ו. זיין אָנקומען האָט געמאַכט אַ גרויסן רושם.
ז. אויפן קאָפּ האָט ער געטראָגן אַ צוגעקנייטשטן צי-לינדער.

אַ ר ב ע ט : 121. שרייב איבער די דאָזיקע זאַצן און שטרייך אונטער דעם אָביעקט מיט איין פּאַסיקל און דעם אַדיעקטיוו מיט צוויי פּאַסיקלעך.

122. שרייב איבער די ווייטערדיקע פראַגעס און ענטפער אויף זיי.

א. וועמען פאַרקלאָגט שונמית? — דעם בייזן ווינט.

ב. וועמען היילט דער דאָקטאָר? —

ג. מיט וועמען פאַרברענגט דער טאַטע? —

ד. אויף וואָס פאַרט דאָס שיפל? —

ה. צו וועמען דערנענטערט זיך דער לערער? —

ו. וואָס האָט געמאַכט זיין אָנקומען? —

ז. וואָס האָט ער געטראָגן אויפן קאָפ? —

123. וואָס פאַר אַן ענדונג האָבן די אַדיעקטיוון וואָס באַצייכענען דעם אָביעקט?

> די אַדיעקטיוון וואָס באַצייכענען אַן אָביעקט פון מענלעכן מין האָבן אין די מערהייט פאַלן די ענדונג-ן. דער דאָזיקער בייגפאַל רופט זיך אָ ב י ע ק ט י וו.

— 80 —

אַ נ ד ע ר ע ע נ ד ו נ ג ע ן פ ו ן ד ע ם אָ ב י ע ק ט י וו.

א. קיין וואָלקנדל האָט זיך ניט באַוויזן אויף דעם בלויען הימל.

ב. ער האָט אַרויסגעהאָלפן זיין געטרייען חבר.

ג. די פרוי האָט אָנגעטאָן דעם גרויען מאַנטל.

ד. צו וואָס שפּאַרט איר זיך אָן אויף דעם קרומען שטעקן?

ה. ער האָט אָנגעשטעלט אַ פרומען רב.

ו. אליהו — מאַטלס ברודער — האָט פאַרקויפט דעם גאָלדענעם זייגער.

ז. דער יעגער האָט נאָכגעיאָגט דעם ברוינעם בער.

א ר ב ע ט: 124. שרייב איבער די דאָזיקע זאַצן און שטרייך אונטער דעם אַדיעקטיוו.

125. וואָסערע ענדונגען האָבן די אַדיעקטיוון אין אָ ב י ע ק ט י וו?

אויב דער שטאַם פון אַדיעקטיוו ענדיקט זיך אויף אַ וואָ-
קאַל אָדער אויף אַ **מ** האָט ער אין אָ ב י ע ק ט י וו
די ענדונג **-ען** (בלויען, פרומען).
אויב דער שטאַם ענדיקט זיך אויף **נ** — איז די ענדונג
-עם. (גאָלדענעם, ברוינעם).
אין אַלע איבעריקע פאַלן איז שטענדיק די ענדונג **-ן**.

דער אַרטיקל ד ע ר׳ האָט אין אָ ב י ע ק ט י וו די
זעלביקע ענדונגען וואָס אַן אַדיעקטיוו וואָס ענדיקט זיך
אויף **נ**. די ענדונג **-עם**.
דער אַדיעקטיוו נ יי האָט אין אָביעקטיוו די ענדונג
-עם. (נייעם).

— 81 —

א ר ב ע ט : 126. שרייב איבער די ווייטערדיקע שפּריכווערטער און
שטעל אַריין די ענדונגען פון אָביעקטיוו.

א. אַן אמת מעג מען זאָגן אַפילו דעם אייגענ(—) טאַטן.
ב. עס איז זיך גוט צו רייבן לעבן אַ פעט(—) טאָפּ.
ג. ווייז ניט קיין שטעקן אַ געשלאָגענ(—) הונט.
ד. בעסער מיט אַ קלוג(—) צו פאַרלירן איידער מיט אַ
נאַר צו געווינען.
ה. די ציגן שפּרינגען אויף אַן איינגעבויגענ(—) בוים.

— 82 —

127. שרייב איבער די ווייטערדיקע דערציילונג און
שטעל אַריין די ענדונגען פון א ד י ע ק ט י וו .

היינט איז דער ערשט(—) טאָג אין שול. די צוויי חדשים
וואַקאַציעס זיינען אַריבער ווי אין אַ שיינ(—) חלום.
היינט אין דער פרי האָט מיך די מאַמע אַוועקגעפירט
אין שול.

אין קאָרידאָר באַגעגנט מיך דער לערער פון ערשט(—) קלאַס — אַ נידעריק(—), אַ פרייליכ(—), אַ ליב(—).

— גו, בערעלע, — זאָגט ער צו מיר — איצט זעגענען מיר זיך שוין! אין צווייט(—) קלאַס וועסטו שוין האָבן אַ ניי(—) לערער.

אין שול איז מיר געוואָרן עפּעס אומעטיק.

איך דערמאָן זיך די בערג, דעם גרינ(—) וואַלד, דעם ברייט(—) טייך אין דאָרף.

ס׳קומט אַריין דער נייער לערער — אַ הויכ(—), אַ יונג(—), מיט גוטע אויגן.

ער פרעגט אונדז, ווי אַזוי מיר האָבן פאַרבראַכט דעם היינטיק(—) זומער.

יעדערער האָט אַ סך צו דערציילן, ס׳איז דאָ וואָס צו הערן און פון וואָס צו לאַכן.

אין קלאַס ווערט לעבעדיק און היימלעך.

ס׳ווערט מיר ווידער גוט און ס׳ווילט זיך גאָר ניט ליידן, וואָס דער קלונג רייסט איבער די לעקציע.

בייגפאַלן ביי סובסטאַנטיוון.

א. יאַנקעלע גייט אין שול.
ב. איך גיי מיט יאַנקעלען.
ג. איך זע יאַנקעלען.

א. פּרץ איז אַ יידישער שרייבער.
ב. מיר געפעלט די נאַטור-שילדערונגען ביי פּרצן.
ג. איך לייען פּרצן.

א. יוסף לערנט מיט מיר.
ב. איך גיי צו יוספן.
ג. איך רוף יוספן.

א. אַבראַמאָוויטש איז אַ יידישער קלאַסיקער.
ב. יידיש איז חשובער געוואָרן אַ דאַנק אַבראַמאָוויטשן.
ג. מיר לערנען אַבראַמאָוויטשן.

א. אסתר שרייבט אַ בריוו.
ב. זי קומט צו אסתרן.
ג. איך פיר אסתרן.

א. העניעלע קען שוין שרייבן.
ב. זי זיצט אַנטקעגן העניעלען.
ג. מען האָט העניעלען אַריבערגעפירט אין דריטן קלאַס.

אַרבעט: 128. שרייב איבער די דאָזיקע זאַצן און שטרייך אונטער די פּערזאָן-נעמען.

129. וועלכע ענדונגען האָבן די פּערזאָן-נעמען אין דעם אָביעקטיוו?

די פּערזאָן-נעמען האָבן בייגפאַל-ענדונגען אין אָביעקטיוו. די ענדונגען זיינען ־ן אָדער ־ען.

אַרבעט: 130. לויטן מוסטער פון פּאַראַגראַף 83 שאַף זאַצן אין נאָמינאַטיוו און אָביעקטיוו מיט די פּערזאָן-נעמען:
שרה, רבקה, לייבל, יצחק און ראַבינאָ-וויטש.

ביגפאַלן ביי אַכט סובסטאַנטיוון.

א. דער טאַטע גייט צו דער אַרבעט.
ב. איך בין געפאָרן מיט דעם טאַטן.
ג. איך זע דעם טאַטן.

א. דער מענטש גייט אין גאַס.
ב. מען איז צוגעגאַנגען צו דעם מענטשן.
ג. זיי האָבן געשלאָגן דעם מענטשן.

א. דער זיידע פאַרריכט די ברילן.
ב. די אייניקלעך גייען צו דעם זיידן.
ג. זיי קושן דעם זיידן.

א. די מאַמע פירט די שטוב.
ב. די טאָכטער שפּאַצירט מיט דער מאַמען.
ג. זי רופט די מאַמען. (די מאַמע).

א. דער רבי לערנט.
ב. מען האָט געלערנט ביים רבין.
ג. זיי קענען דעם רבין.

א. די באָבע שטריקט אַ זאָק.
ב. די אייניקלעך זיצן לעבן דער באָבען.
ג. זיי גלעטן די באָבען (די באָבע).

א. דער ייד וואַנדערט אויף דער וועלט.
ב. מען האָט טענות צו דעם יידן.
ג. מען יאָגט אומעטום דעם יידן.

א. די מומע איז געקומען צו גאַסט.

ב. ער איז געקומען מיט דער מומען.

ג. ער נעמט מיט די מומען (די מומע).

אַרבעט: 131. שרייב איבער די דאָזיקע זאַצן און שטרייך אונטער דעם נאָמינאַטיוו און אָביעקטיוו פון די סובסטאַנטיוון טאַטע, זיידע, רבי, ייד, מענטש, מאַמע, באָבע און מומע.

132. באַמערק וועלכע ענדונגען עס האָבן די אַכט סובסטאַנטיוון אין אָביעקטיוו.

> די אַכט סובסטאַנטיוון **טאַטע, זיידע, רבי, ייד, מענטש, מאַמע, באָבע** און **מומע** האָבן בייגפאַל-ענדונגען אין אָביעקטיוו. די ענדונג איז **-ן**. אין **טאַטע** און **זיידע** פאַלט אַרויס דער **ע**. (טאַטן, זיידן).

אַרבעט: 133. שרייב איבער די ווייטערדיקע זאַצן און שטעל אַריין די ענדונגען.

א. בערעלע האָט געפרעגט: — וועמען האָסטו מער ליב, דעם (טאַטע) אָדער די (מאַמע).

ב. ער האָט אים געגעבן אַזאַ פּאַטש, אַז ער האָט דערזען דעם (זיידע) פון יענער וועלט.

ג. מען קען ניט דעם (מענטש) אַז מען האַנדלט ניט מיט אים.

ד. אומעטום רודפט מען דעם (ייד).

ה. מיט דעם (רבי) קען ער, אָן דעם (רבי) קען ער ניט.

ו. דאָס אייניקל איז אַוועק צו דער (באָבע).

ז. דער פעטער מיט דער (מומע) זיינען געקומען צו גאַסט.

דער אָביעקטיוו פון ווייבלעכן מין.

א. מען האָט געווונטשן מזל-טוב דער שיינער כלה.
ב. דער חתן האָט שפּאַצירט מיט דער שיינער כלה.
ג. אַלע געסט באַוווּנדערן די שיינע כלה.

אַרבעט: 134. שרייב איבער די זאַצן און שטרייך אונטער דעם אָביעקט און דעם אַרטיקל און דעם אַדיעקטיוו פון דעם אָביעקט.

135. שרייב איבער די ווייטערדיקע פראַגעס און ענטפער אויף זיי.

א. וועמען האָט מען געווונטשן מזל-טוב?
ב. מיט וועמען האָט שפּאַצירט דער חתן?
ג. וועמען באַוווּנדערן אַלע געסט?

136. וואָסערע ענדונגען האָבן די אַדיעקטיוון פון ווייבלעכן מין אין אָביעקטיוו?

> אין ווייבלעכן מין האָט דער אָביעקטיוו צוויי פאָרמען; **דער שיינער כלה**, און **די שיינע כלה**. מיר אונטערשיידן דעריבער צוויי בייג-פאַלן: דעם **דאַטיוו** מיט דער ענדונג **-ער** און דעם **אַקוזאַטיוו** מיט דער ענדונג **-ע**.

דער דאַטיוו

א. ער איז צוגעגאַנגען צו זיין אייגענער שוועסטער.
ב. זי האָט שפּאַצירט מיט דער בלאָנדער חברטע.
ג. יידן פרייען זיך מיט דער הייליקער תורה.
ד. קינדער שפּילן זיך אויף דער געוועקסטער פּאָדלאָגע.
ה. דאָס בילד הענגט אויף דער מערבדיקער וואַנט.
ו. מיר זיינען געווען צו גאַסט ביי דער נייער שכנה.

אַרבעט: 137. שרייב איבער די זאַצן און שטרייך אונטער די אדיעקטיוון וואָס באַצייכענען דעם אָביעקט.

138. שרייב איבער די וויטערדיקע פראַגעס און ענטפער אויף זיי.

א. צו וועמען איז ער צוגעגאַנגען?
ב. מיט וועמען האָט זי שפּאַצירט?
ג. מיט וואָס פרייען זיך די יידן?
ד. אויף וואָס שפּילן זיך די קינדער?
ה. אויף וואָס הענגט דאָס בילד?
ו. ביי וועמען זיינען מיר געווען צו גאַסט?

> אין די מערהייט פאַלן קומט דער דאַטיוו מיט אַ פּרע-פּאָזיציע ווי אָן ענטפער אויף די פראַגעס: צו וועמען? מיט וועמען, ביי וועמען?.... צו וואָס? מיט וואָס? ביי וואָס?....

אָרט-באַשטימונג

גערענקט איר די וויטערדיקע אויסדרוקן פון י. ל. פּרצעס „דער קונצנמאַכער"

א. דער קונצנמאַכער שווימט אַרויס אויף יענער זייט מאַרק.
ב. ער האָט אַרויסגעצויגן פון דעם מויל אַלערליי בענדער.
ג. פון דער כאַליעווע פון שטיוול וואַרפט ער אַרויס זעכצן פּאָר אינדיקעס.
ד. די אינדיקעס צעלויפן זיך איבער דער סצענע.
ה. ער קראַצט אָפּ פון דער פּאָדעשווע גאָלדענע רענד-לעך.
ו. די חלות און קוילעטשן לויפן זיך צונויף אין דער לופטן.
ז. זיי טאַנצן אַ ברוגז-טאַנץ אונטער דער סטעליע.
ח. שענערע לייגט מען אין דער ערד אַריין.

אַרבעט: 139. שרייב איבער די זאַצן און שטרייך אונטער דעם סוביעקט מיט איין פּאַסיקל און דעם פּרעדיקאַט מיט צוויי פּאַסיקלעך.

139א. ענטפער אויף די וויטערדיקע פראַגעס:

א. וווּ שווימט אַרויס דער קונצנמאַכער?
ב. פון וואַנען האָט ער אַרויסגעצויגן אַלערליי בענדער?
ג. פון וואַנען וואַרפט ער אַרויס זעכצן פּאָר אינדיקעס?
ד. וווּהין צעלויפן זיך די אינדיקעס?
ה. פון וואַנען קראַצט ער אָפּ גאָלדענע רענדלעך?
ו. וווּ לויפן זיך צונויף די חלות און קוילעטשן?
ז. וווּ טאַנצן זיי אַ ברוגז-טאַנץ?
ח. וווּ לייגט מען שענערע?

> דער טייל פון זאַץ וואָס ענטפערט אויף די פראַגעס וווּ?, וווּהין? פון וואַנען? באַשטימט דאָס אָרט ווי די טוונגען קומען פאָר און רופט זיך אָרט-באַשטימונג.

— 89 —

אַרבעט: 140. שרייב איבער די ווייטערדיקע שפּריכווערטער און שטרייך אונטער די אָרט-באַשטימונג.

א. אויף אַ פרעמדער באָרד איז זיך גוט צו לערנען שערן.
ב. אין אַ גרויסן טייך כאַפּט מען גרויסע פיש.
ג. יחוס איז אויף דעם בית-הקברות.
ד. שפּייז ווערט געקאָכט אין טאָפּ און כבוד ביים טיש קריגט דער טעלער.
ה. אויף אַן איינגעבויגענעם בוים שפּרינגען אַלע ציגן.
ו. אויף אַן אויסגעטראָטענעם וועג איז גוט צו גיין.
ז. אַז אין דעם האַלדז איז טרוקן און אין די שטיוול נאַס, קען מען ניט אַרויסגיין אויף דער גאַס.
ח. אונטער דער מאַמעס פאַרטוך איז זיך גוט צו באַהאַלטן.

> אָרט-באַשטימונגען קומען כמעט שטענדיק מיט אַ פּרעפּאָזיציע און פאָדערן דעם דאַטיוו.

— 90 —

אַרבעט: 141. שרייב איבער די ווייטערדיקע זאַצן און שטעל אַריין די ענדונגען פון דאַטיוו.

א. דאָס מעסערל איז געלעגן אין ד(—) הינטערשט(—) קעשענע.
ב. שלום נעמט אַרויס דאָס מעסערל פון אונטער ד(—) שוואַרצ(—) שאַפע.
ג. די מאַמע לויפט אַריין פון ד(—) קיך מיט א געשריי.
ד. ער וועט באַגראָבן דאָס מעסערל אין ד(—) טיפ(—) ערד.
ה. בערל דעם רויטנס האָט אַרויסגענומען געלט פון ד(—) גרויס(—) צדקה-פושקע.
ו. דער טאַטע איז אַוועק דאַווענען אין ד(—) ניי(—) שול.
ז. מען האָט אַראָפּגענומען דעם גנב פון ד(—) הויכ(—) תליה.

נאָענטער און ווייטער אָביעקט

— 91 —

נאָענטער אָביעקט

א. איך באָרג די גאָלדענע פעדער.

ב. דו ברענגסט די שיינע מתנה.

ג. ער דערלאַנגט די בלוי־ווייסע פאָן.

ד. מיר טראָגן די שווערע משא.

ה. איך גיט די ריכטיקע תשובה.

ו. זיי באַצאָלן די נייע הלוואה.

אַרבעט: 142. שרייב איבער די זאצן און שטרייך אונטער די אָביעקטן מיט זייערע אדיעקטיוון.

143. שרייב אָן די זעלביקע זאצן אין אַ פאַסיווער קאָנסטרוקציע, ווו דער סוביעקט זאָל ווערן אַן אָביעקט און דער אָביעקט — אַ סוביעקט.

ביישפּיל:

איך באָרג די גאָלדענע פעדער.
די גאָלדענע פעדער ווערט געבאָרגט דורך מיר.

באַמערקונג: די פּראָנאָמען איך, דו, ער, מיר, איר, זיי, ווערן פאַרביטן מיט מיר, דיר, אים, אונדז, אייך, זיי.

> ווען מען באָרגט אַ פעדער, ווערט די פעדער געבאָרגט. דאָס הייסט, אַז די טוונג באָרגן גייט אַריבער אויף דער פעדער.
>
> ווען מען ברענגט אַ מתנה, ווערט די מתנה געבראַכט. די טוונג ברענגען גייט דאָ אויך אַריבער אויף דער מתנה.
>
> די אָביעקטן פעדער, מתנה ווערן שטאַרק באַהערשט פון די טוונגען באָרגן, ברענגען און מיר רופן זיי נאָענטע אָביעקטן.
>
> ביי נאָענטע אָביעקטן איז מעגלעך אַ פּאַסיווע קאָנסטרוקציע און זיי קומען שטענדיק מיטן אַקוזאַטיוו.

ווייטער אָביעקט

א. איך באָרג (געלט) דער יינגערער שוועסטער.
ב. דו ברענגסט (אַ בוך) דער נייער חברטע.
ג. ער דערלאַנגט (אַ נדבה) דער אָרעמער פרוי.
ד. מיר טראָגן (אַ מתנה) דער גוטער לערערין.
ה. איר גיט (הילף) דער קראַנקער שילערין.
ו. זיי באַצאָלן (אַ חוב) דער נייער באַלעבאָסטע.

א ר ב ע ט : 144. די איינגעקלאַמערטע אָביעקטן רופן מיר נ אָ ע נ-ט ע אָ ב י ע ק ט ן. צי זיינען אויך נאָענטע אָביעקטן די ניט איינגעקלאַמערטע? פאַר וואָס ניט?

144א. צי קען מען שאַפן פון די דאָזיקע זאַצן אַ פּאַסיווע קאָנסטרוקציע לויטן מוסטער פון דער ארבעט 142? פאַר וואָס ניט?

> ווען מען באָרגט געלט דער יינגערער שוועסטער, ווערט ד אָ ס ג ע ל ט געבאָרגט און ניט די יינגערע שוועס-טער.
>
> ווען מען ברענגט אַ בוך דער נייער חברטע, ווערט ד אָ ס ב ו ך געבראַכט און ניט די נייע חברטע.
>
> לכן, זיינען ג ע ל ט, ב ו ך, נאָענטע אָביעקטן.
> ש ו ע ס ט ע ר, ח ב ר ט ע רופן מיר ווייטע אָביעקטן.
> די ו ו י י ט ע אָ ב י ע ק ט ן קומען כמעט שטענדיק מיטן ד אַ ט י ו .

א ר ב ע ט : 145. שרייב איבער די ווייטערדיקע זאַצן און שטעל צו די ענדונגען פון דעם ארטיקל און אדיעקטיוו.

א. דער ווינט האָט איינגעוואָרפן ד(—) צעבראָכענ(—) סוכה.

ב. דער קונצנמאַכער איז געקומען אין ד(—) פאַרדאַ-גהט(—) פאַרפּסחדיק(—) צייט.

ג. רבקהביילע נעמט אויף זיך די צעריסענ(—) שאַל.
ד. דער רב וועט ניט גלויבן אַ נאַריש(—) יידענע.
ה. סערל האָט דערזען טוביהן דורך ד(—) אָפענ(—) טיר.
ו. טוביה איז געקומען צום דייטשל מיט אַ קלאָר(—) תשובה.
ז. זיי האָבן געוווינט הינטער דער רווישיק(—) שטאָט.
ח. שלמה האָט געהייסן געבן עסן ד(—) אָרעמ(—) אלמנה שונמית.

— 93 —

צ ײ ט - ב אַ ש ט י מ ו נ ג

א. שמערל האַלצהעקער איז אויפגעשטאַנען האַלבע נאַכט.
ב. ער איז אין שטוב אַריין ערשט באַגינען.
ג. ער האָט קיינעם גאָרניט דערציילט דעם גאַנצן שבת דיקן טאָג.
ד. אליהו הנביא קומט פסח צום סדר.
ה. די געבורטסטאָג-פייערונג וועלן מיר מאַכן מאָרגן.
ו. זי וועט קומען אין אַ יאָר אַרום.
ז. ער האָט געאַרבעט די גאַנצע צייט.

א ר ב ע ט : 146. שרייב איבער די זאצן און שטרייך אונטער דעם סוביעקט מיט איין פּאסיקל און דעם פּרעדיקאט מיט צוויי פּאסיקלעך.

אַ ר ב ע ט: 147. ענטפער אויף די ווייטערדיקע פראַגעס:

א. ווען איז שמערל האַלצהעקער אויפגעשטאַנען?
ב. ווען איז ער אַריין אין שטוב?
ג. ווי לאַנג האָט ער קיינעם גאָרניט דערציילט?
ד. ווען קומט אליהו הנביא?
ה. ווען ווען מיר מאַכן די געבורטסטאָג-פייערונג?
ו. ווען וועט זי קומען?
ז. וויפיל צייט האָט ער געאַרבעט?

> דער טייל פון זאַץ וואָס באַשטימט די צייט, ווען די טוּונג קומט פאָר און ענטפערט אויף די פראַגעס ווען? ווי לאַנג? וויפיל צייט? רופט זיך צ יי ט-ב אַ ש ט י-מ ו נ ג.

אַ ר ב ע ט: 148. שרייב איבער די ווייטערדיקע זאצן און שטרייך אונטער די צייט-באַשטימונגען.

א. חיים יונה האָט געהונגערט דעם גאַנצן ווינטער.
ב. ער האָט געהאַט ביטחון די גאַנצע צייט.
ג. מיר האָבן זייער גוט פאַרבראַכט דעם היינטיקן זומער.
ד. די עקזאַמענס וועלן פאַרקומען היינטיקע וואָך.
ה. מיר האָבן ביידע שפּאַצירט דעם נעכטיקן טאָג.
ו. זיי וועלן קומען צו אונדז די קומענדיקע נאַכט.

> די צייט-באַשטימונגען וואָס קומען אָן אַ פּרעפּאָזיציע פאָדערן שטענדיק דעם אַקוזאַטיוו.

דער אָביעקטיװ פֿון מיטעלן מין

1. א. די מאַמע גייט צו צו דעם קליינעם קינד.
ב. די מאַמע שענקט שפּילכלעך דעם קליינעם קינד.
ג. די מאַמע האָדעװעט דאָס קליינע קינד.

2. א. די קינדער זיינען באַצױבערט פֿון דעם הערלעכן בילד.
ב. די קינדער זעען דאָס הערלעכע בילד.

3. א. דער טאַטע האָט באַצאָלט פֿאַר דעם בלױען הי־טעלע.
ב. דאָס קינד טוט אָן דאָס בלױע היטעלע.

אַרבעט: 149. שרייב איבער די זאצן און שטרייך אונטער דעם אָביעקט, דעם ארטיקל און דעם אדיעקטיװ פֿון דעם אָביעקט.

150. שרייב איבער די װייטערדיקע פֿראגעס און ענטפֿער אויף זיי.

1. א. צו װעמען גייט צו די מאַמע?
ב. װעמען שענקט די מאַמע שפּילכלעך?
ג. װעמען האָדעװעט די מאַמע?

2. א. פֿון װאָס זיינען באַצױבערט די קינדער?
ב. װאָס זעען די קינדער?

3. א. פֿאַר װאָס האָט דער טאַטע באַצאָלט?
ב. װאָס טוט אָן דאָס קינד?

אין מיטעלן מין האָט אויך דער אָביעקטיוו צוויי פאָרמען; א. ד ע ם ק ל יי נ ע ם ק י נ ד, און ב. ד אָ ס ק ל יי נ ע ק י נ ד, א. ד ע ם ב ל ו י ע ן ה י ט ע ל ע און ב. ד אָ ס ב ל ו י ע ה י ט ע ל ע, א. ד ע ם ה ע ר ל ע כ ן ב י ל ד און ב. ד אָ ס ה ע ר ל ע כ ע ב י ל ד. דעם ערשטן בייגפאַל רופן מיר ד אַ ט י וו, דעם צווייטן — אַ ק ו ז אַ ט י וו.

דער דאַטיוו האָט די ענדונגען ־ן, ־ען, און ־עם. דער אַקוזאַטיוו — ־ע.

— 96 —

די ענדונגען פון דאַטיוו אין דעם מיטעלן מין

א. דער ווינט בלאָזט אויף דעם פרייען פעלד.
ב. מען דאַרף האָבן געזונטע ציין צו דעם רויען פלייש.
ג. די מאַמע האָט באַצאָלט פאַר דעם בלויען קליידעלע.
ד. דאָס קינד דעקט זיך איין מיט דעם וואַרעמען מאַנטעלע.
ה. מען האָט אים געשלאָגן צוליב דעם גאָלדענעם הענדעלע.

אַ ר ב ע ט : 151. שרייב איבער די זאַצן און שטרייך אונטער דעם אַדיעקטיוו.
152. באַמערק די ענדונגען פון דעם אַדיעקטיוו.

אויב דער שטאַם פון אַדיעקטיוו ענדיקט זיך אויף אַ וואָקאַל אָדער אויף אַ **מ**, האָט ער אין דאַטיוו די ענדונג **־ען**.

אויב דער שטאַם ענדיקט זיך אויף **ן**, קומט די ענדונג **־עם**.

אין אַלע איבעריקע פאַלן איז די ענדונג **־ן**.

— 97 —

דער מיטעלער מין מיט דעם אומ-באַשטימטן אַרטיקל אַ.

א. דאָס הינטעלע יאָגט זיך נאָך אַ שוואַרצן קע-צעלע אָדער אַ שוואַרץ קעצעלע.
ב. מען האָט געכאַפּט אַ שוואַרץ קעצעלע.
א. דאָס הינטעלע יאָגט זיך נאָך אַ קעצעלע אַ שוואַרצס.
ב. מען האָט געכאַפּט אַ קעצעלע אַ שוואַרצס.

> די ענדונג פון דאַטיוו מיטן אומבאַשטימטן אַרטיקל קען זיין -ן, -ען, -עם, אָדער גאָר קיין ענדונג. דער אַקוזאַ-טיוו האָט ניט קיין ענדונג. ווען דער אַדיעקטיוו קומט נאָכן סובסטאַנטיוו קומט אין אַלע בייגפאַלן די ענ-דונג -ס.

— 98 —

אַ ר ב ע ט : 153. שרייב איבער די ווייטערדיקע זאַצן און שטעל אריין די ענדונגען.

א. אויף דעם (גרין) בערגעלע שטייט אַ ביימעלע אַ (יונג).
ב. אין דעם (שטיל) וועלדעלע לעבט אַ (ברוין) בערעלע.
ג. דאָס (ביינערן) מעסערל האָט דעם (קליין) שלומען געקאָסט אַ סך געזונט.
ד. שלום האָט זיך צעשניטן די פינגער מיט דעם (הוי-קערדיק) מעסערל.
ה. אין אַ סטאַדע האָט געלעבט אַ (קליין) שעפּסעלע.
ו. די קינדער האָבן געזען דאָס (גוט) פערדל.
ז. מיידעלע דו (שיין), מיידעלע דו (פיין). איך וועל דיר עפּעס פרעגן אַ רעטעניש אַ (פיין).

מערצאָל פון דעם אַדיעקטיוו

מענלעכער מין.

א. די גרינע וועלדער זיינען פול מיט ביימער.
ב. מיר שפּאַצירן אין די גרינע וועלדער.
ג. מיר האָבן שוין גענוג געזען די גרינע וועלדער.

ווייבלעכער מין.

א. די גרינע לאָנקעס זיינען פאַרטרונקען געוואָרן.
ב. עס פאַשען זיך קי אויף די גרינע לאָנקעס.
ג. פון ווייטנס זעט מען שוין די גרינע לאָנקעס.

מיטעלער מין.

א. די גרינע פעלדער האָבן זיך צעבליט.
ב. די תבואות רייפן שוין אויף די גרינע פעלדער.
ג. ווי ליב מיר האָבן די גרינע פעלדער.

אַרבעט: 154. שרייב איבער די דאָזיקע זאצן און שטרייך אונטער די ווערטער-גרופּעס: די גרינע פעלדער, די גרינע לאָנקעס, און די גרינע וועלדער.

155. וואָסערע ענדונגען האָבן די אַדיעקטיוון אין מערצאָל אין די ביינפאַלן?

> די אַדיעקטיוון אין מערצאָל ענדיקן זיך אויף **ע** אין אַלע מינים און אין אַלע בייגפאַלן.

— 100 —

א ר ב ע ט : 156. שרייב איבער די שפריכווערטער און שטעל אריין די ענדונגען פון דעם אדיעקטיוו אין מערצאָל.

א. (געבראָטן) טייבעלעך פליען ניט אין מויל אַריין.

ב. דער וואָס האָט (קליין) קינדער אין די וויגן, זאָל לאָזן לייטן צופרידן.

ג. (קליין) קינדער — (קליין) ליידן, (גרויס) קינדער — (גרויס) ליידן.

ד. פון (ליידיק) פעסער איז דער ליאַרעם גרעסער.

ה. (גוט) פערד דאַרפן האָבן אַ בייטש, (קלוג) מענטשן — אַן עצה.

ו. (שוואַרץ) קאַרשעלעך רייסט מען, (רויט), לאָזט מען שטיין; (גוט) קינדער נעמט מען, (שלעכט) לאָזט מען גיין.

— 101 —

די סכעמע פון דער בייגונג פון אַדיעקטיוו.

בייגפאַלן	מענלעכער מין.	ווייבלעכער מין.	מיטעלער מין
נאָמינאַטיוו	-ער	-ע	-ע אָדער נול
דאַטיוו	-ן, -ען, -עם.	-ער	-ן, -ען, -עם.
אַקוזאַטיוו	-ן, -ען, -עם.	-ע	-ע אָדער נול

מענלעכער מין	ווייבלעכער מין	מיטעלער מין
נאָמ. דער גוטער ברודער.	די גוטע שוועסטער.	דאָס גוטע קינד.
דאַט. דעם גוטן ברודער.	דער גוטער שוועסטער.	דעם גוטן קינד.
אַקוז. דעם גוטן ברודער.	די גוטע שוועסטער.	דאָס גוטע קינד.

נאָמ. א שיינער טיש.	א שיינע בעט.	א שיין מעסערל.
דאַט. א שיינעם טיש.	א שיינער בעט.	א שיינעם מעסערל.
אַקוז. א שיינעם טיש.	א שיינע בעט.	א שיין מעסערל.

נאָמ. דער קרומער שטעקן.	די קרומע שאַפע.	דאָס קרומע בענקל.
דאַט. דעם קרומען שטעקן.	דער קרומער שאַפע.	דעם קרומען בענקל.
אַקוז. דעם קרומען שטעקן.	די קרומע שאַפע.	דאָס קרומע בענקל.

א ר ב ע ט : 157. דעקליניר לויט דעם מוסטער דריי סובסטאַנטיוון פון מענלעכן מין, דריי פון ווייבלעכן מין און דריי פון מיטעלן מין.

— 102 —

די סכעמע פון דער בייגונג פון דעם באַשטימטן אַרטיקל.

בייגפאַלן	מענלעכער מין	ווייבלעכער מין	מיטעלער מין
נאָמינאַטיוו	דער	די	דאָס
דאַטיוו	דעם	דער	דעם
אַקוזאַטיוו	דעם	די	דאָס

א ר ב ע ט : 158. שאַף זאַצן אין די דריי בייגפאַלן פון די וויטערדיקע סובסטאַנטיוון פון מענלעכן מין.

דער לערער, דער תלמיד, דער דאָק-טער, דער טאָוול.

159. שאַף זאַצן אין די דריי בייגפאַלן פון די ווייטערדיקע סובסטאַנטיוון פון ווייבלעכן מין.

דער לערערין, די תלמידה, די באַנק, די וואַנט.

160. שאַף זאַצן אין די דריי בייגפאַלן פון די ווייטערדיקע סובסטאַנטיוון פון מיטעלן מין.

דאָס בילד, דאָס בוך, דאָס שאַפּקעלע, דאָס הענטל.

— 103 —

אַ ר ב ע ט : 161. אין די ווייטערדיקע שפּריכווערטער שטעל אַריין אויף דעם אָרט פון די קלאַמערן דעם פּאַסיקן אַרטיקל.

א. פרעג ניט (—) רופא, פרעג בעסער (—) חולה.

ב. (—) קראַנקן פרעגט מען, (—) געזונטן גיט מען.

ג. (—) פּוילער שליח געפינט אַלע תירוצים.

ד. (—) מענטש זינדיקט און (—) האָן איז שטענדיק די כפּרה.

ה. ווען (—) יתום ליידט זעט קיינער ניט.

ו. צו (—) חופּה פירט מען, צו (—) גט לויפט מען אַליין.

ז. איין עבֿרה שלעפּט (—) צווייטע.

ח. דער ייִד איז שטענדיק (—) כפּרה־הינדל.

ט. ער איז שולדיק גאָט (—) נשמה און (—) קצבֿ פאַר פלייש.

י. (—) שיקסע ביים רבֿ קען אויך פּסקענען אַ שאלה.

אַרבעט: 162. שרייב איבער די ווייטערדיקע באַשרייבונג און שטעל אַריין אויף דעם אָרט פון די קלאַמערן דעם פּאַסיקן אַרטיקל.

דער געבוירנטאָג פון אונדזער שול.

היינט איז (—) געבוירנטאָג פון אונדזער שול. אין (—) טאָג האָט זיך (—) שול געעפנט און עס איז אויפגעוויקלט געוואָרן (—) שיינע שולפאָן.

אַלע יאָר מאַכן מיר (—) טאָג אַ גרויסן יום-טוב.

אין אונדזער קלאַס האָט מען זיך שוין מיט עטלעכע וואָכן צוריק גענומען גרייטן צו (—) יום-טוב. מיר האָבן אויפגענייט קליינע פאַנעלעך אַזוינע ווי אונדזער שולפאָן.

אויף (—) לעקציעס פון צייכענען האָבן מיר געצייכנט (—) שולפאָן און אַלע אַנדערע צייכענונגען האָבן מיר געמאַכט מיט (—) פאַרבן פון (—) שולפאָן.

אַ סך קינדער האָבן צו (—) יום-טוב אויפגענייט נייע קליידעלעך און אַנצוגן.

עס איז געקומען (—) ליבער טאָג.

די שול איז פול מיט אויסגעפּוצטע קינדער און געסט.

עס דערהערט זיך (—) קלאַנג פון אַ מאַרש.

מיר מאַרשירן אַריין אין (—) זאַל. פאָרויס טראָגט אַ שילער (—) שולפאָן.

(—) קינדער פון (—) יינגערע קלאַסן האַלטן אין (—) הענט (—) קליינע פאָנעלעך וואָס מיר האָבן אויפגעניית.

אַ סך קינדער טראָגן בוקעטן בלומען.

מיט שיינענדיקע פּנימער זינגען מיר (—) שולהימן.

(—) מוזיק ווערט שטיל.

(—) פאַרוואַלטערין באַגריסט אונדז און ווינטשט אונדז צו האָבן שטענדיק אַ פריילעכן געבורנטאָג פון (—) שול.

עס הייבן אָן באַגריסן (—) קלאַסן. אַט גייט אַרויס אַ מיידעלע פון ערשטן קלאַס. זי דערלאַנגט (—) פאַרוואַל-טערין אַ מתנה פאַר (—) שול. זי זאָגט:

„אין נאָמען פון (—) ערשטן קלאַס ווינטש איך (—) שול, זי זאָל ווערן אַלץ גרעסער און גרעסער.“

אַלע אַפּלאָדירן. מע קושט (—) מיידעלע.

אויך (—) אַנדערע קלאַסן ברענגען בלומען און מתּנות.

אונדזער קלאַס האָט געגעבן (—) שול אַ גלאָבוס.

אַ לערער לייענט איבער (—) בריוו, וואָס פריינד פון (—) שול האָבן צוגעשיקט צום יום-טוב.

עס הייבט זיך אָן (—) געזאַנג און (—) דעקלאַמאַציעס. קיין מאָל האָבן (—) קינדער אַזוי שיין ניט געזונגען און דעקלאַמירט ווי היינט.

(—) פּראָגראַם איז געענדיקט. מע גייט צו (—) סעודה. נאָך (—) סעודה טאַנצט מען און מע זינגט.

עס איז אַזוי פריילעך און גוט, אַז עס ווילט זיך גאָר ניט גיין אַהיים. עס ווערט אָבער שפּעט.

מיר זעגענען זיך און ווינטשן זיך, אַז (—) קומענדיקן יאָר זאָל אויך זיין אַזוי גוט.

די בייגונג (דעקלינאַציע) פון פראָנאָמען.

איינצאָל

נאָמ.	איך גיי אין שול.	דו גייסט אין שול.	ער גייט אין שול.
דאַט.	עמיצער רעדט צו מיר.	עמיצער רעדט צו דיר.	עמיצער רעדט צו אים.
אַקוז.	עמיצער פירט מיך.	עמיצער פירט דיך.	עמיצער פירט אים.

נאָמינאַטיוו.	זי גייט אין שול.	עס גייט אין שול.
דאַטיוו.	עמיצער רעדט צו איר.	עמיצער רעדט צו אים.
אַקוזאַטיוו.	עמיצער פירט זי.	עמיצער פירט עס.

מערצאָל

נאָמ.	מיר גייען אין שול.	איר גייט אין שול.	זיי גייען אין שול.
דאַט.	עמיצער רעדט צו אונדז	עמיצער רעדט צו אייך.	עמיצער רעדט צו זיי.
אַקוז.	עמיצער פירט אונדז.	עמיצער פירט אייך.	עמיצער פירט זיי.

די סכעמע פון דער בייגונג פון פראָנאָמען.

נאָמינאַטיוו.	איך	דו	ער	זי	עס	מיר	איר	זיי
דאַטיוו.	מיר	דיר	אים	איר	אים	אונדז	אייך	זיי
אַקוזאַטיוו.	מיך	דיך	אים	זי	עס	אונדז	אייך	זיי

א ר ב ע ט : 163. שרייב איבער די דעקלינאַציעס פון די פראָנאָמען.
164. שאַף אַנדערע זאַצן מיט די פראָנאָמען לויט זייערע בייגפאַלן.

ביים צוואָגן.

איך ווייס ניט ווי איר, נאָר למאַי זאָל איך זאָגן,
נאָך ערגער ווי טויט האָב איך פיינט זיך צו צוואָגן!

כ׳האָב פיינט, אַז די זייף קריכט מיר גלייך אין די אויגן,
און דאָך מוז איך שטיין פאַר דער שיסל געבויגן
און לאָזן זיך טאָן, וואָס דער מאַמען פאַרווילט זיך.

זי רייבט מיר די נאָז און זי שרייט און זי שילט זיך:
— „וואָס שטייסטו און דרייסט זיך אָט פונקט ווי אַ וואָרעם?"

זי טוט מיך אַ הייב און אַ נעם אונטערן אָרעם,
און — פוי! מיר דאָס קעפּל אין וואַסער געטונקען...

— גוואַלד, ראַטעוועט! קינדער, אָט ווער איך דערטרונקען!
איך וואַרף זיך דערשראָקן און דריגע אַ פיסל,
ווען נעמט שוין אַ סוף צו דער טריפהנער שיסל?

און נאָך דעם דאָס קעמען: מען שלעפּט און מען
שטופּט מיך.
מען רייסט מיר די האָר און מע קראַצט און מע צופּט מיך.

איך ווייס ניט ווי איר, נאָר למאַי זאָל איך זאָגן,
נאָך ערגער ווי טויט האָב איך פיינט זיך צו צוואָגן.

אַרבעט: 165. שרייב איבער דאָס ליד און שטרייך אונטער די פּראָנאָמען.

דער פּאַסעסיוו

א. מאָטל פייסים איז געווען אַ יתום.
ב. יאַנקל שלמהס איז אַן אָרנטלעכער מענטש.
ג. מירקע אברהם-לייזערס איז אַוועקגעפאָרן קיין אַמע-ריקע.
ד. נחום וועוויקס איז געווען אַ חשובער מענטש אין שטאָט.

אַרבעט: 166. שרייב איבער די דאָזיקע זאַצן און שטרייך אונטער די סובסטאַנטיוון (פּערזאָן-נעמען) וואָס האָבן די ענדונג -ס.

167. וואָס פאַר באַטייט גיט די ענדונג -ס דעם סובס-טאַנטיוו?

168. שרייב איבער די ווייטערדיקע פראַגעס און ענטפער אויף זיי.

א. וועמעס זון איז געווען אַ יתום?
ב. וועמעס זון איז אַן אָרנטלעכער מענטש?
ג. וועמעס טאָכטער איז אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע?
ד. וועמעס זון איז געווען אַ חשובער מענטש אין שטאָט?

> פון אַ סובסטאַנטיוו ווערט אָפטמאָל געשאַפן אַ פאָרמע מיט דער ענדונג -ס, וואָס באַטייט אָנגעהעריקייט.
> די פאָרמע הייסט פּאָסעסיוו.
> די פאָרמע קען נאָר געשאַפן ווערן פון באַלעבטע זאַכן.

— 108 —

א. די עלטערנס צימער איז שטאַרק באַלויכטן.
ב. די חברימס ביכער זיינען נאָך נייע.
ג. די קינדערס פּיאַנאָ האָט מען פאַרקויפט.
ד. די תּלמידימס שריפטן זיינען זייער גוטע.

אַרבעט: 169. שרייב איבער די זאַצן און שטרייך אונטער דעם פּאָסעסיוו.

די ענדונג פון פּאָסעסיוו אין מערצאָל איז אויך ־ס.

— 109 —

א. דעם יונגן חתנס דרשה האָט שטאַרק אויסגענומען.
ב. דער שיינער כלהס קלייד איז געווען רייך באַפּוצט.
ג. דעם נייעם שכנס קינדער זיינען שוין געקומען צו פאָרן.
ד. דעם גוטן לערערס לעקציעס זיינען אינטערעסאַנט.
ה. מאָטל פּייסי דעם חזנס איז געוואָרן אַ משורר.

אַרבעט: 170. שרייב איבער די זאַצן אין דיין העפט און שטרייך אונטער דעם פּאָסעסיוו און דעם אַדיעקטיוו וואָס איז באַהעפט צו אים.

אויב דער פּאָסעסיוו באַהעפט צו זיך אַן אַדיעקטיוו קומט דער אַדיעקטיוו אין דעם דאַטיוו.

— 110 —

די ענדונג -נס ביים פּאָסעסיוו

א. וואַנדערן אויף דער וועלט איז שוין דעם יידנס גורל.
ב. דעם מענטשנס לעבן איז טייער.
ג. אַ טאַטנס אַ וואָרט דאַרף מען הערן.
ד. אַ יידנס צוואה דאַרף מען אָפּהיטן.
ה. מען האָט באַהאַלטן דעם רבינס קאַנטשיק.

א ר ב ע ט : 171. שרייב איבער די זאצן און שטרייך אונטער דעם פּאָסעסיוו.

> די פינף סובסטאַנטיוון ט אַ ט ע, ז יי ד ע, ר ב י, מ ע נ ט ש, יי ד, האָבן אין פּאָסעסיוו די ענדונג **-נס**.

— 111 —

א. מען דאַרף אויסלופטערן דעם קראַנקנס צימער.
ב. מען האָט באַהאַלטן דעם בלינדנס שטעקן.
ג. טשעפּע ניט דעם הונגעריקנס ברויט.
ד. דעם קאַרגנס געלט האָט ניט קיין הצלחה.

א ר ב ע ט : 172. שרייב איבער די זאצן און שטרייך אונטער דעם פּאָסעסיוו.

> דער אַדיעקטיוו וואָס פאַרטרעט אַ סובסטאַנטיוו (סובס-טאַנטיווירטער אַדיעקטיוו) האָט אין פּאָסעסיוו די ענ-דונג **-נס**.

— 112 —

אַרבעט: 173. שרייב איבער די וויטערדיקע שפּריכווערטער און פאַרבייט די אונטערגעשטראָכענע ווערטער-גרופּעס מיטן פּאַסעסיוו.

א. דאָס האַרץ פון אַ מוטער פילט, מען קען עס ניט נאַרן.

ב. די מציאה פון אַן אָרעמאַן קאָסט שטענ-דיק טייער.

ג. אַ טרער פון אַ קינד קען אויך זיין שווער.

ד. דאָס געלט פון דעם יידן שטעכט יעדן אין די אויגן.

ה. געשמאַק איז דער פיש פון דעם טיש פון אַ פרעמדן.

ו. בעסער אַ פּאַטש פון דעם טאַטן איידער דער קוש פון דעם שטיפפאָטער.

— 113 —

די פאַרגלייכגראַדן פון דעם אַדיעקטיוו

א. חיים איז אָרעם.
ב. בערל איז אָרעמער.
ג. שלמה איז דער אָרעמסטער.

א. שרה איז רייך.
ב. לאה איז רייכער.
ג. רבקה איז די רייכסטע.

א. דאָס האַקמעסער איז שאַרף.
ב. דאָס מעסער איז שאַרפער.
ג. דאָס ראַזיר-מעסער איז דאָס שאַרפסטע.

אַ ר ב ע ט : 174. שרייב איבער די דאָזיקע זאַצן און שטרייך אונטער דעם אַדיעקטיוו.

175. באַמערק, וואָסערע ענדונגען זיינען צוגעקומען צו די זאַצן **ב**.

176. באַמערק, וואָסערע ענדונגען זיינען צוגעקומען צו די זאַצן **ג**.

דער קאָמפּאַראַטיוו ווערט געשאַפן מיט דער ענדונג **-ער** וואָס ווערט צוגעגעבן צום שטאַם פון אַדיעקטיוו.
דער סופּערלאַטיוו ווערט געשאַפן מיט דער ענדונג -סט און האָט ספּעציעלע ענדונגען פאַר די מינים און בייג-פאַלן. דער אָרעמסטער, די רייכסטע, דאָס שאַרפסטע, דעם רייכסטן....

— 114 —

אַ ר ב ע ט : 177. פון די ווייטערדיקע אַדיעקטיוון פורעם דעם קאָמפּאַראַטיוו און סופּערלאַטיוו.

ריין — ריינער — ריינסטער.
שטאַרק —
שוואַך —
גרינג —
פריי —

שווער — שווערער — שווערסטער.
קאַרג —
שוואַרץ —
ווייס —
געטריי —

נאַריש — נאַרישער — נאַרישסטער.
ווייניק —
פיין —
רויט —
גרין —

קאמפאראטיוון און סופערלאטיוון מיט אינעווייניקסטער ענדערונג.

אַ ר ב ע ט : 178. פון די וויטערדיקע אדיעקטיוון פורעם דעם קאמפא־ראטיוו און סופערלאטיוו.

גרויס — גרעסער — גרעסטער.

הויך —

קליין —

שיין —

אַלט — עלטער — עלטסטער.

לאַנג —

קאַלט —

גראָב —

יונג — יינגער — יינגסטער.

קלוג —

קורץ —

פרום —

געדענק די קאמפאראטיוון פון ג ו ט און ש ל ע כ ט

גוט — בעסער — בעסטער.

שלעכט — ערגער — ערגסטער.

— 116 —

א ר ב ע ט : 179. שטעל אריין דעם ק אָ מ פּ א ר א ט י ו ו אָדער דעם ס ו פּ ע ר ל אַ ט י ו ו אין די וויטערדיקע שפּריכווערטער.

א. וואָס (רייך) מען ווערט, אַלץ (קאַרג) ווערט מען.
ב. די צונג איז דעם מענטשנס (גרויס) שונא.
ג. וואָס (אָרעם) מען ווערט אַלץ (נאַריש) ווערט מען.
ד. דער (ווייט) וועג איז צו דער אייגענער קעשענע.
ה. תורה איז די (גוט) סחורה.
ו. חברשאַפט איז (שטאַרק) ווי ברודערשאַפט.
ז. וואָס (ווייניק) גערעדט איז אַלץ (געזונט).
ח. דער (גוט) ביסן קומט אָן דעם (שלעכט) הונט.
ט. דאָס (גוט) מילכיקס איז אַ שטיקל פליש.

— 117 —

וואָס איז העכער פון אַ הויז?
וואָס איז פלינקער פאַר אַ מויז?

וואָס איז רויטער פון אַ פלאַם?
וואָס איז געטרייער פון אַ מאַן?

בעסער אַ מיאוסע לאַטע א י ד ע ר אַ שיינע לאָך.
חברשאַפט איז שטאַרקער ווי ברודערשאַפט.

א ר ב ע ט : 180. שרייב איבער די רעטענישן און שפּריכווערטער און שטרייך אונטער די פאַרבינדווערטער נאָכן קאָמפּאַ-ראַטיוו.

נאָכן קאָמפּאַראַטיוו קענען קומען די פאַרבינדווערטער
פ ו ן, פ אַ ר, ו ו י, א י ד ע ר.

ג. די צאָלווערטער

— 118 —

דאָס צאָלוואָרט אין זאַץ.
צען ברידער

צען ברידער זיינען מיר געווען;
דריי געגאַנגען זוכן זאַנגען,
זיינען געבליבן זיבן.

דריי געגאַנגען אויף שפּאַציר
זיינען געבליבן פיר.
דריי געגאַנגען קלייבן שטיינער
איז געבליבן איינער.

אַרבעט: 181. שרייב איבער דאָס פאָלקסליד און שטרייך אונטער די ווערטער וואָס באַטייטן אַ צאָל.

182. שרייב אָן מיט ווערטער פון איינס ביז דרייסיק.

> די ווערטער וואָס באַטייטן אַ צאָל רופט מען צאָלווערטער.

— 119 —

בערל

בערל איז אַ ווילער יינגל,
נאָר ער קען ניט ציילן.
אַזאַ נאַריש יינגל איז ער,
ס'איז אַ שאַנדע צו דערציילן.

וויפיל איז, זאָג, דריי און פינף?
גלאָצט ער מיט די אויגן —
— בערל, בערל, — ברומט דער טאַטע —
וועסט צו גאָרנישט טויגן!

נעמסט אַרונטער זעקס פון פערצן
וויפיל איז געבליבן?
קראַצט זיך בערל אויפן שטערן
און ער ענטפערט: — זיבן.

בייזערט זיך אויף אים דער טאַטע:
— בערעלע, בערולע!
דריקט די מאַמע אים צו האַרצן
— בערעלע מיין גדולה!

(ז. וויינפער)

א ר ב ע ט : 183. שרייב איבער דאָס ליד און שטרייך אונטער די ווערטער וואָס באַטייטן א צאָל.
184. שרייב אָן מיט ווערטער פון דרייסיק ביז זיבעציק.

— 120 —

צ ע ן ב ר י ד ע ר.

צען ברידער זיינען מיר געוועזן,
האָבן מיר געהאַנדלט מיט ליין,
איינער איז פון אונדז געשטאָרבן,
זיינען מיר געבליבן ניין.

ניין ברידער זיינען מיר געוועזן,
האָבן מיר געהאַנדלט מיט פראַכט,
איינער איז פון אונדז געשטאָרבן
זיינען מיר געבליבן אַכט.

א ר ב ע ט : 185. שרייב איבער די אכט פערזן און פאַרענדיק דאָס פאָלקסליד.
די ברידער האָבן געהאַנדלט שפּעטער מיט ר י ב ן, ג ע ב ע ק ס, ש ט ר י מ ף, (זאָקן), ב י ר, ב ל יי, ה יי, ב יי נ ע ר.

— 121 —

א ר ב ע ט : 186. שרייב אָן מיט ווערטער די צאָלן 13-31; 14-41; 15-51; 16-61; 17-71; 18-81; 19-19.
187. שרייב אָן מיט ווערטער די צאָלן 13-30; 14-40; 15-50; 16-60; 17-70; 18-80; 19-90.
188. שרייב אָן מיט ווערטער די צאָלן 24-42; 25-52; 36-63; 37-73; 89-98; 126-621; 372-273.

— 122 —

סדר-צאָלן.

א. בעסער דער ערשטער רוגז איידער דער צווייטער.

ב. איינער האָט עס אויף דער לונג, אַ צווייטער — אויף דער צונג.

ג. אַז צוויי זאָגן שיכור, דאַרף זיך דער דריטער לייגן שלאָפן.

ד. ווו זעקס ווערן זאַט, האָט דער זיבעטער גענוג.

א ר ב ע ט : 189. שרייב איבער די שפּריכווערטער און שטרייך אונטער די צאָלווערטער.
190. שרייב איבער די ווייטערדיקע פראַגעס און ענטפער אויף זיי.

א. וואָסערער רוגז איז דער בעסטער?

ב. דער וויפלטער האָט עס אויף דער צונג?

ג. דער וויפלטער דאַרף זיך לייגן שלאָפן?

> די צאָלווערטער וואָס ענטפערן אויף די פראַגעס וואָסע-דער? וויפלטער? רופן זיך סדר-צאָלן. די סדר-צאָלן בייגן זיך ווי אַדיעקטיוון.

— 123 —

א ר ב ע ט : 191. שרייב אָן סדר-צאָלן לויטן מוסטער:

איינס — דער ערשטער.
צוויי — דער צווייטער.
ביז
צוואַנציק — דער צוואַנציקסטער.
איין און דרייסיק — דער איין און דרייסיקסטער.
צוויי און דרייסיק — דער צוויי און דרייסיקסטער.
ביז
פערציק — דער פערציקסטער.

— 124 —

דער ציפערדיקער באַטייט פון די אותיות.

א איז איינער — אַליין און מער קיינער.
ב איזביידע — אַ באָבע מיט אַ זיידע.
ג איז אַ געשפּאַן פון דריי פערד.
ד איז דרום — די פערטע זייט פון דער ערד.
ה איז אַ האַנט — אַ לאַנד מיט פינף האַפנס.
ו איז די וועלט — אין זעקס טעג באַשאַפן.
ז איז דער זיבעטער טאָג און נאַכט.
ח איז חנוכה-ליכטלעך אַכט.
ט איז אַ טאָפּ מיט ניין מאָס רייד.
י איז אַ ייד צום מנין גרייט.

(אַלעף, בית)

-125-

א — 1.	צ — 90.
ב — 2.	ק — 100.
ג — 3.	ר — 200.
ד — 4.	ש — 300.
ה — 5.	ת — 400.
ו — 6.	תק — 500.
ז — 7.	תר — 600.
ח — 8.	תש — 700.
ט — 9.	תת — 800.
י — 10.	תתק — 900.
כ — 20.	א׳ — 1000.
ל — 30.	ב׳ — 2000.
מ — 40.	ג׳ — 3000.
נ — 50.	ד׳ — 4000.
ס — 60.	ה׳ — 5000.
ע — 70.	ה׳תשז — 5707.
פ — 80.	

— 126 —

יא — 11.	לד — 34.
יב — 12.	לה — 35.
יג — 13.	מב — 42.
יד — 14.	מד — 44.
טו — 15.	נה — 55.
טז — 16.	סו — 66.
יז — 17.	עח — 78.
יח — 18.	פג — 83.
יט — 19.	צד — 94.
כ — 20.	קיב — 112.
כא — 21.	רכג — 223.
כב — 22.	שלה — 335.
לג — 33.	

א ר ב ע ט: 192. שרייב איבער די פאראגראפן 124, 125, 126 אין דיין העפט.

193. שרייב אָן פינף און צוואנציק, זעקס און דרייסיק, דריי און פערציק מיט אותיות.

194. שרייב אָן מיט אותיות 125, 237, 348, 460, 875, 920.

אַ ר ב ע ט : 195. שרייב איבער די ווייטערדיקע זאצן און דערקלער זייער באַטייט.

א. ער האָט מנדר געווען ח״י פּעזעם פאַר דער יידישער שול.

ב. ער פאַרדינט ק״ן פּעזעם אַ טאָג.

ג. ער איז אָפּגעפאָרן ת״ק מייל מיט איין מאָל.

ד. דער פרומער ייד היט אָפּ אַלע תרי״ג מצוות.

ה. ריש אלפים האָט אים געקאָסט זיין הויז אויפבויען.

ו. די היטלער-רציחות זיינען נאָך ערגער פון די רציחות אין די יאָרן ת״ח ות״ט.

ז. אַ רשע האָט פאַרשפּילט אַלע זיינע ש״י עולמות.

ח. היינטיקס יאָר איז ה׳תש״ז.

ט. שמערל האַלצהעקער האָט געוווינט אין אַ שטיבל פון ד׳ על ד׳.

פון דעם מחבר

א. דאָס „אַרבעטסבוך פאַר יידיש אין פאָלקשול" איז באַשטימט פאַר די קלאַסן צווײ, דרײ, פיר און פינף פון פאָלקשול. אין דעם זעקסטן קלאַס דאַרפן די זעלביקע טעמעס אי־בערגעחזרט ווערן אין אַ פאַרטיפטן אופן, דערבײ דאַרפן אויך אַרײנגענומען ווערן די טעמעס וואָס זײנען בכיוון דורכגעלאָזט געוואָרן אין די ייִנגערע קלאַסן צוליב דער ניט צוגעפאַסטקײט צו דעם יונגן עלטער פון די קינדער.

ב. דער מעטאָד פון דעם אַרבעטסבוך איז געבויט גע־וואָרן אויף דער אַליינטעטיקייט פון די שילער, דאָך אָבער דאַרף פון צייט צו צייט ווי אַן אַריינפיר־דערקלערונג אָדער גאָר ווי אַ רעזולטאַט פון די קאָנטראָלירטע אַרבעטן געשטעלט ווערן פאַרשיידענע שפּראַך פּראָבלעמען פאַרן קלאַס. און מהאי טעמא האָבן מיר זיך דערלויבט אַרייננצונעמען טיילווייז אַזאַ מאַטע־ריאַל, וואָס די שילער וועלן מוזן אָנקומען צו דערקלערונגען און אויפקלערונגען מצד דעם לערער.

ג. די שפּריכווערטער ווי אויך אַנדער דערציילערישער מאַטעריאַל דאַרפן צוליב וואַריאַציע פון דעם שפּראַך לימוד אויך אויסגענוצט ווערן פאַר שמועסן און פאַר פאַרזיכיקע שריפטלעכע קאָמפּאָזיציעס.

ד. נאָך יעדער טעמע איז דאָ אַ פאָרמולירטער כלל. אין די כללים, אָבער, דאַרף מען ניט זוכן קיין שטרענגע וויסנ־שאַפטלעכקייט. זיי זיינען נייטיק געווען בלויז ווי אַ פאַרסך־הכלונג פון די געניטונגען.

ה. בנוגע דעם אויסלייג האָבן מיר זיך ווי ווייט מעגלעך געשטיצט אויף די תקנות פון ייוואָ. עס זיינען וואו ניט וואו געווען קליינע אָפּנייגונגען, ווי למשל בנוגע דעם שטומען אלף. מיר האָבן זיך ניט געקענט דעצידירן אַריינשטעלן דעם שטומען אַלף צוליבן פעלן פון נקודות, מחמת מיר האָבן ניט געוואָלט אַריינברענגען אַ צעטומלעניש אין די מוחות פון די קינדער. מיר בעטן, דעריבער, די לערער צושטעלן די נקודות אויף די נייטיקע ערטער.

ו. אין אונדזער בוך האָבן מיר גענוצט די אינטערנאַציאָנאַלע טערמינאָלאָגיע, ווייל מיר האַלטן אַז זי איז די צוגעפּאַסטע שוין דערמיט אַליין וואָס זי איז באַקאַנט די קינדער פון דער אַנדערער שפּראַך וואָס זיי לערנען.

ז. דאָס קאַפּיטל „קלאַנגען און אותיות" האָבן מיר אָפּגעגעבן אַ גרעסערן פּלאַץ אין דעם אַרבעטסבוך. איבערהויפּט האָבן מיר אויסגעטיילט אַ סך געניטונגען אויף ב-וו, ז-ס, צ-טס, ספּעציעל צוליב דעם ווייל די קינדער וואָס געפינען זיך אין אַ שפּאַנישער שפּראַך-ספערע קומט אָן זייער שווער אונטערצושיידן צווישן די אויבנדערמאָנטע פּאָרלעך-קלאַנגען.

ח. מיר האָבן אין אונדזער אַרבעט, ווי ווייט מעגלעך, אויסגענוצט די אַלע דערגרייכונגען פון דער שוין פאַראַנענער ליטעראַטור וועגן דער יידישער שפּראַך; מיר האָבן אונדזער אַרבעט געשטיצט אויף: א. זאַרעצקי „יידישע גראַמאַטיק", פּ. הײלפּערין און מ. וויינרייך — „פּראַקטישע גראַמאַטיק", יודל מאַרק — „יידישע גראַמאַטיק", און אַרבעטסביכער פאַר יידיש אין מיטלשול, אויף באַזונדערע אַרבעטן אין דיי „פילאָלאָגישע שריפטן", „יידיש פאַר אַלע", „יידישע שפּראַך" און אַנדערע.

ט. פון די בייגפֿאַלן האָבן מיר אויסגעטיילט באַזונדער דעם גניטיוו אונטערן נאָמען פּאָסעסיוו. מיר האָבן אויך אַריינגעפֿירט דעם טערמין אָביעקטיוו פֿאַרן דאַטיוו און אַקוזאַטיוו פֿון דעם מענלעכן מין. דעם טערמין האָט דער ערשטער אַריינגעפֿירט ח׳ יודל מאַרק. מיר האַלטן אים פֿאַר זייער צוגעפּאַסט און ווי אַ נייטיקן אַריינפֿיר צום דאַטיוו און אַקוזאַטיוו.

י. דער מחבר פֿילט פֿאַר זיין חוב אויסצודריקן אַ ספּעציעלן דאַנק דעם ח׳ אַ. גאָלאָמב פֿאַר דערמוטיקן צו דער אַרבעט, פֿאַרן לייענען פֿיל מאָל דעם טעקסט און פֿאַרן אַרויסהעלפֿן מיט זיינע אָנווייזונגען און באַמערקונגען.

יא. דער מחבר בעט די יידישע לערער וואָס וועלן ניצן דאָס בוך אים צושיקן זייערע באַמערקונגען און אָנווייזונגען בכדי אַז אין דער צווייטער אויפֿלאַגע זאָלן קענען אַריינגעטראָגן ווערן די נייטיקע אויסבעסערונגען.

אינהאַלט

א. דער ווערב — זייט 3 — 55

1 — 3. דער ווערב אין זאַץ „ 3
4 — 6. די דריי צייטן „ 5
7 — 9. די דריי פערזאָנען „ 7
10 — 11. איצטיקע צייט (די ענדונגען אין איינצאָל) „ 10
12. דער שטאַם פון ווערב ענדיקט זיך אויף אַ ד „ 12
13. דער שטאַם פון ווערב ענדיקט זיך זיך אויף אַ ט „ 13
14. דער שטאַם פון ווערב ענדיקט זיך אויף ש, טש, ז און צ „ 14
15. דער שטאַם פון ווערב ענדיקט זיך אויף אַ ס „ 15
16. דער שטאַם פון ווערב ענדיקט זיך אויף אַ סט „ 15
17. די דריטע פערזאָן, איינצאָל, האָט ניט קיין ענדונג „ 16
18 — 21. די צונויפגיסונג פון סט מיט דו „ 17
22 — 23. מערצאָל פון די פערזאָנען און ווערבן „ 20
24 — 26. די ענדונגען פון ווערב אין מערצאָל „ 22
27. די ווערבן זיין, האָבן, געבן, וועלן „ 24
28 — 29. פאַרגאַנגענע צייט. (בייגונג פון ווערבן) „ 25
30 — 34. פאַרטיציפּן מיט דער ענדונג ־ט „ 26
35. פאַרטיציפּן מיט די ענדונגען ־ן און ־ען „ 29
36 — 39. פּאַרטיציפּן מיט אינעווייניקסטער ענדערונג „ 30

			זייט
40.	פאַרטיציפּן מיט דער ענדונג -ען	"	32
41.	די פאַרגאַנגענע צייט מיטן הילפס־ווערב זיין	"	33
42 — 45.	פּאַרטיציפּן אָן דעם פּרעפיקס -גע	"	34
46 — 47.	פּאַרטיציפּן פון ווערבן מיט א צוגאָב	"	36
48 — 50.	לאָמיר שאַפן נייע ווערבן	"	38
51 — 53.	קומעדיקע צייט. (בייגונגען)	"	40
54 — 56.	אינפיניטיוו מיט -ן און -ען	"	43
57 — 59.	אינפיניטיוו מיט דער ענדונג -נען	"	46
60.	אימפעראַטיוו. (די פשוטע פאָרם פון איינצאָל)	"	48
61 — 66.	מערצאָל פון אימפעראַטיוו	"	49
67.	צונויפגעזעצטע פאָרמען פון אימפעראַטיוו	"	53
68.	דער אימפעראַטיוו אין אלע דריי פערזאָנען	"	54
69.	איבערחזרונג פון די בייגונגען	"	55
ב.	דער אַדיעקטיוו	"	56 — 95
70 — 71.	דער אַדיעקטיוו אין זאַץ	"	56
72 — 73.	אַדיעקטיוון פון מענלעכן און ווייבלעכן מין	"	58
74 — 76.	אַדיעקטיוון פון מיטעלן מין	"	59
77 — 78.	דער אָביעקט	"	62
79.	דער אָביעקטיוו	"	63
80 — 82.	אנדערע ענדונגען פון אָביעקטיוו	"	64
83.	בייגפאַלן ביי סובסטאַנטיוון (פערזאָן־נעמען)	"	67
84 — 85.	בייגפאַלן ביי אַכט סובסטאַנטיוון	"	68
86.	דער אָביעקטיוו פון ווייבלעכן מין	"	70
87.	דער דאַטיוו	"	71
88 — 90.	אָרט־באַשטימונגען	"	72
91 — 92.	נאָענטער און ווייטער אָביעקט	"	74
93 — 94.	צייט־באַשטימונגען	"	76
95.	דער אָביעקטיוו פון מיטעלן מין	"	78
96.	די ענדונגען פון דאַטיוו אין דעם מיטעלן מין	"	79

זייט

97 — 98. דער מיטעלער מין מיט דעם אַרטיקל **א** „ 80
99 — 100. מערצאָל פון דעם אַדיעקטיוו. „ 81
101. די סכעמע פון דער בייגונג פון אַדיעקטיוו „ 82
102 — 104. די סכעמע פון דער בייגונג פון דעם באַשטימטן אַרטיקל „ 83
105 — 106. די דעקלינאַציע פון פּראָנאָמען „ 87
107 — 109. **דער פּאַסעסיוו.** „ 90
110 — 112. די ענדונג **-נס**ביים פּאָסעסיוו „ 91
113 — 114. די פאַרגלייכגראַדן פון דעם אַדיעקטיוו. „ 92
115 — 117. קאָמפּאַראַטיוון און סופּערלאַטיוון מיט אינעווייניקסטער ענדערונג „ 94

ג. די צאָלווערטער „ 96 —101
118 — 121. דאָס צאָלוואָרט אין זאַץ „ 96
122 — 123. סדר צאָלן „ 98
124 — 127. דער ציפערדיקער באַטייט פון די אותיות „ 99
פון דעם מחבר „ 102
אינהאַלט „ 105

באַמערקטע פעלערן

זייט 53, שורה 1 פון אויבן, אַנשטאָט **צונויגעזעצטע**, דאַרף זיין: **צונויפגעזעצטע.**
„ 102, „ 11 „ „ „ **דאַרף,** „ „ **דאַרפן.**
„ 103, „ 13 „ „ „ **דאָס,** „ „ **דעם.**
„ 26, דער נומער פון זייט דאַרף זיין: 25.
„ 25, דער נומער פון זייט דאַרף זיין: 26.
זייטן 83 און 87, אַנשטאָט **נאָמ. דאַט. אַקוז.** (מיט אַ פּינטל) דאַרף זיין: **נאָמ׳ דאַט׳ אַקוז׳** (מיט אַן אַפּאָסטראָף).